פראָלעטאַריער אַלער לענדער, פֿעראייניגט אייך!
דער אַלגעמ. אידישער אַרבייטערבונד אין ליטא, פוילען און רוסלאַנד.

א. בונדאוועץ.

פאליטישע פראצעסען

אַרויסגעגעבען פֿון
אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטערבונד
אין ליטא, פוילען און רוסלאַנד.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

298

זשענעוו.
דרוקעריי פֿון אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטערבונד (בונד).
אָקטאָבער 1904 יאָהר.

פראָלעטאַריער אלער לענדער, פֿעראייניגט אייך!
דער אַלגעמ. אידישער אַרבייטערבונד אין ליטא, פוילען און רוסלאַנד.

א. בונדאוויץ.

פאָליטישע פראָצעסען

אַרויסגעגעבען פֿון
אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטערבונד
אין ליטא, פוילען און רוסלאַנד.

זשענעוו.

דרוקעריי פֿון אַלגעמיינעם אידישען אַרבייטערבונד (בונד).

אָקטאָבער 1904 יאָהר.

פּאָליטישע פּראָצעסען.

דער געזעץ פֿון 7־טען יוני וועגען פּאָליטישע פֿערברעכען.

אָנשטאָט אַ פֿאָררעדע.

זייט פֿאָן-פּלעווע איז געוואָרען מיניסטער דעס אינערען, האָט
מען אָנגעהויבען איבערצוגעבען די רעוואָלוציאָנערען צום געריכט. געריכטס-
פּראָצעסען, וועלכע פֿלעגען פֿאָרקומען פֿון אָנפֿאַנג נאָר זעלטען, ווען-
ניט-ווען, ווי אַ מין „פּראָבע", זיינען געוואָרען אַלץ עפֿטער, און ענד-
ליך, דעם 7-טען יוני, גיט לאַנג פֿאַר פּלעווע'ס טויט, איז אַרויסגע-
געבען געוואָרען אַ געזעץ, לויט וועלכען אַלע „פּאָליטישע פֿערברעכען"
דאַרפֿען גע'משפּט ווערען דורך'ן געריכט.

דער געזעץ וועגען פֿערברעכען געגען דער מלוכה האָט עקסיס-
טירט שוין לאַנג. דאָס זיינען געווען איינִיגע געזעץ-אַרטיקלען, וואָס
זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין י. 1864. נאָר דיזע אַרטיקלען זיינען
כמעט ווי געבליבען ניט מעהר ווי אויף'ן פּאַפּיר, און פּאָליטישע „דיע-
לעס" פֿלעגען גע'משפּט ווערען לויט די תקנות פֿון 19-טען מאַי 1871
און לויט די תקנות „וועגען פֿערשטאַרקטער בעשיצונג" (אוסילענאַיאַ אָכ-
ראַנאַ) פֿון 14-טען אויגוסט 1881. נאָך די תקנות פֿון 1871 ווערען
די פּאָליטישע „דיעלעס" געפֿיהרט אויף אַזאַ סדר: די נאָכפֿאָרשונג
(דאָזנאַניע) ווערט געמאַכט דורך די זשאַנדאַרמען מיט דעם אַנטייל פֿון
פּראָקוראָר פֿון אָקרוזשנאָי סוד און אונטער דער השגחה פֿון פּראָקוראָר
פֿון דער סודעבנער פּאַלאַטע; איז די נאָכפֿאָרשונג פֿאַרטיג, געהט זי
איבער פֿון זשאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע צום פּראָקוראָר פֿון סודעב-
נער פּאַלאַטע, וועלכער זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגען איהר (בעשטימט
דעם פּסק א. ז. וו.) און שיקט איהר אָב אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט,
פֿון דאָרטען געהט זי איבער אין אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ביי'ם יוסטיץ-
מיניסטעריום, וואו עס ווערט אונטערגעשריבען דער אורטייל. דער אור

טייל ווערט דורך דעם יוסטיץ-מיניסטעריום דערלאַנגט דעם צאַר אויף
אונטער'התמ'ענען. לויט די תקנות וועגען „פערשטאַרקטער בעשיצונג"
ווערען די פּאָליטישע „דיעלעס" געפיהרט נאָך איינפאַכער. די נאָכ-
פאָרשונג ווערט געמאַכט פון די זשאַנדאַרמען אָדער פון דער פּאָליציי,
און נאָכדעם ווערט זי אָבגעשיקט אין אַ בעזונדער אסיפה ביי'ם מי-
ניסטעריום דעס אינערען, וואו עס ווערט בעשטימט דער אורטייל. אָט,
דאָס איז דער אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט י װ ע ר סדר אויף צו פּסק'ענען פּאָ-
ליטישע „דיעלעס". ווען די „דיעלע" ווערט געפיהרט אויף אַזאַ אופן,
קענען אַרויסגעגעבען ווערען פאָלגענדע בעשטראָפונגען: אַרעסט, גע-
פענגנים, פּאָליציי אויפזיכט, פערשיקען אין ס י ב י ר אָדער אין די ווײַ-
טעסטע געגענדען פון אייראָפּעאישען ר ו ס ל אַ נ ד אויף אַ משך ניט
מעהר ווי 10 יאָהר.

דער געזעץ פון 7-טען יוני בעשרענקט דיזע אַדמיניסטראַטיווע
פּראַקטיק. ער בעשטעהט פון 2 טיילען. אין דעם ערשטען טייל ווע-
רען געבראַכט די אַרטיקלען פון דעם נייעם שטראָף-געזעץ-בוך בנוגע
צו פּאָליטישע פערברעכען. (דער נייער שטראָף-געזעץ-בוך וועט אין
גאַנצען אַריינגעפיהרט ווערען ערשט אין 1905). דיזע נייע אַרטיקלען
ציינענען זיך אויס פון די אַרטיקלען פון 1864 דערמיט, וואָס אין זיי
געפינען מיר אויסגערעכענט אַלערליי מינים פּאָליטישע פערברעכען,
וועלכע עס האָבען דעמאָלט, אין די 60-גער יאָהרען, אויף'ן זינען ניט געקענט
אַרויף; זיי שפּיגלען אָב אין זיך אַלע פאָרמען, וועלכע דער פּאָליטי-
שער קאַמפף האָט איצט אָנגענומען. אין דעם געזעץ פון 1864 רעדט זיך
נאָר וועגען שטרייקען, וועגען „צונויפקרייבען זיך אין אַ'ן עולם", „געהיי-
מע חברות"; אין די נייע געזעצען האָט מען ניט פערגעסען די איצטיגע
מאַסען-בעוועגונג; דאָרט רעדט זיך צ. ב. פון דעמאָנסטראַציעס. אין
דעם אַנדערען טייל, וועלכער איז מעהר ניט ווי אַ קאַריקאַטור אויף אַ
יושר'דיגען געריכט, ווערט אַרומגערעדט דער סדר, ווי אַזוי עס זאָלען
געפיהרט ווערען די פּאָליטישע פּראָצעסען. די נאָכפאָרשונג ווערט גע-
פיהרט פון די זשאַנדאַרמען אָדער פּאָליציי. נאָר דעם אָנגעקלאָגטען
גיט מען איין „בעוואָרענעש", וועלכע מען קען אויף'ן ערשטען קוק אָנ-
נעהמען פאַר וויכטיג: די פאַרטיגע נאָכפאָרשונג ווערט אַרויסגעגעבען
דעם אָנגעקלאָגטען, אויב ער פערלאַנגט עס, אויף איבערצוקוקען: די
נייע פאַקטען, אויף וועלכע ער וועט דערביי אָנווייזען, מוזען אויס-
געפאָרשט ווערען. וואָס, דוכט זיך, דאַרף מען בעסער? נאָר ווען מיר
זאָלען דורכלעזען דעם ערקלעהרונגס-בעריכט, וועלכען דער יוסטיץ-
מיניסטער מ ו ר אַ װ י אָ װ האָט געשריבען צו דיזען געזעץ, ווערען
מיר זיך דערוויסען, אַז „איבערגעבען דעם אָנגעקלאָגטען דעם גאַנצען

נאָכפאָרשונגס-מאַטעריאַל איז צייטענווייז ניט ווינשענסווערט, מחמת אין דעם נאָכפאָרשונגס-מאַטעריאַל קענען זיך אָפט געפינען אַזוינע ידיעות, וועלכע עס דאַרפען איבערהויפט בלייבען פערבאָרגען"; דעם בעשולדיגטען קען מען ווייזען נאָר די „וויכטיגסטע פונקטען" פון דער נאָכפאָרשונג, אַזוי ווי די בעווייזונגען פון די שפּיאָנען, וועלכע זיינען דאָס רוב דער יסוד פון דער בעשולדיגונג, „דאַרפען איבערהויפט בלייבען פערבאָרגען", און די איבעריגע קענען די זשאַנדאַרמען אָננעהמען פאַר „ניט וויכטיגע", ווערט פון דער גאַנצער „בעוואָרענעש" אַ פיינער סך הכל: דעם אָנגעקלאָגטען וועט מען נאָר געבען איבערלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער הויז-זוכונג, וואָס מ'האָט ביי איהם געמאַכט און פון זיין פערהער. ווען זאָל זיך ענדיגען די נאָכפאָרשונג — דאָס ווענדט זיך, לויט דעם געזעץ, אין גאַנצען פון דער אַדמיניסטראַציע: ווען די נאָכפאָרשונג האָט ניט ענטדעקט קיינע סמנים פון „פערברעכערישע טהאַטען", אָדער ווען די ראיות געגען דעם אָנגעקלאָגטען זיינען „דורכאויס ניט גענוג", ווערט די נאָכפאָרשונג איבערגעגעבען דער „גובערנסקער אסיפה", וועלכע בעשטעהט פון דעם גובערנאַטאָר, — ער איז דאָרטען דער פאָרזיצענדער, — פון דעם נאַטשאַלניק פון דער גובערנסקער זשאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע און פון פּראָקוראָר פון אָקרוזשנאָי סוד; דיזע אסיפה קען אָדער אין גאַנצען מבטל זיין די „דיעלע", אָדער זי לאָזט די נאָכפאָרשונג געהען ווייטער. צו זאָל געמאַכט ווערען אַ פאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג (פּרעדוואַרימיעלנאָיע סלעדסטוויע) — דאָס ווענדט זיך אין גאַנצען אָן דעם פּראָקוראָר פון סודעבנער פּאַלאַטע: ער קען אָננעהמען, אַז די נאָכפאָרשונג האָט אויך אַזאַ ווערט, ווי אַ'ן אונטערזוכונג (סלעדסטוויע), און קען גרינדען אויף איהר דעם בעשולדיגונגס-אַקט, דעמאָלט געהט די דיעלע גלייך אַריבער צום געריכט אָהן אַ פאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג; אָדער ביי איהם קען אויסקומען, אַז די נאָכפאָרשונג איז ניט גענוג, און ער קען בעשטימען, אַז אַחוץ דער נאָכפאָרשונג זאָל נאָך געמאַכט ווערען אַ בעזונדערע אונטערזוכונג. מען קען זאָגען אויף געוויס, אַז די פאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג וועט קיין מאָל ניט געמאַכט ווערען ערשטענס, איז אַ גרויסער אונזין צו מאַכען 2 אונטערזוכונגען וועגען דער זעלביגער „דיעלע"; עס איז אַ גרויסער אונזין, אַז 2 איינריכטונגען (די זשאַנדאַרמיש-פּאָליציייאישע און די געריכטליכע) זאָלען איינע נאָך די אַנדערע טהאָן די אייגענע אַרבייט. דער אונזין דעריפון וואַרפט זיך נאָך מעהר אין די אויגען, ווען מען לעזט דורך יענעם פונקט פון דעם נייעם געזעץ, וואו עס שטעהט געשריבען, אַז „דאָס איבערגעבען פון דער דיעלע צו דער פאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג בעפרייט ניט די זשאַנדאַרמען פון זייער פפליכט צו פיהרען וועגען דער אייגענער „דיעלע" אַ ווייטערדיגע

אונטערזוכונג און אויספֿאָרשונג״, און אַז דער געריכטס-פֿאָרשער (סו-
דעבני סלעדאָוואַטעל) און די זשאַנדאַרמען זיינען מודיע איינע די אַנ-
דערע די רעזולטאַטען פֿון „דער אונטערזוכונג און נאָכפֿאָרשונג״. אויף
אַזאַ אופן קומט אויס, אַז די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג, וועלכע
דאַרף אייגענטליך איבערקוקען די נאָכפֿאָרשונג פֿון די זשאַנדאַרמען,
וועט געפֿיהרט ווערען מיט דער מחותן׳שאַפֿט און מיט דער נאָהענט-
סטער קרובה׳שאַפֿט פֿון די אייגענע זשאַנדאַרמען; וואָס פֿאַר אַ ווערט
קען האָבען ביי אַזוינע בעדינגונגען די אונטערזוכונג? דאָס וואָלט היי-
סען איבער׳חזר׳ן נאָך אַ מאָל די זעלביגע נאָכפֿאָרשונג. צווייטענס,
דאַרפֿען די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונגען געפֿיהרט ווערען לויט דעם
נייעם געזעץ דורך די געריכטס-פֿאָרשער פֿאַר בעזאָנדערס-וויכטיגע
ענינים („פֿאָ אָסאָבאָ וואַזשנים דיעלאַם״) אָדער, אויף׳ן בעפֿעהל פֿון
דעם יוסטיץ-מיניסטער, דורך איינעם פֿון די מיטגליעדער פֿון סודעבנער
פּאַלאַטע; אַזוינע געריכטס-פֿאָרשער זיינען אָבער דאָ זעהר ווינציג —
סך הכל איינער אויף אַ געריכטס-קרייז (סודעבני אָקרוג), און די מיט-
גליעדער פֿון די סודעבנע פּאַלאַטעס זיינען שטענדיג פֿערוואָרפֿען מיט
בירגערליכע- און קרימינאַל-פּראָצעסען. דערפֿון קען מען זעהען, אַז אין
דער פּראַקטיק וועט כמעט קיין מאָל ניט פֿאָרקומען, אַז מען זאָל ווע-
גען דער זעלביגער דיעלע מאַכען אי אַ נאָכפֿאָרשונג אי אַ פֿאָרגעריכט-
ליכע אונטערזוכונג, און אַז די אונטערזוכונג וועט ביי פּאָליטישע „דיע-
לעס״ בלייבען ווי פֿריהער אין די הענד פֿון די זשאַנדאַרמען. עס
פֿערשטעהט זיך, אַז אפילו נאָך דעם נייעם געזעץ האָבען די זשאַנדאַר-
מען דעם פֿאָלשטענדיגען רעכט נאָך זייער אייגענעם איינזעהען צו זעצען
מענשען אין טורמע, מאַכען הויז-זוכונגען, פֿערהאַלטען די קאָרעספּאָנ-
דענץ און כדומה. אויך פֿער׳דאגה׳ט דיזער געזעץ די פּראָפֿעסיאָנעלע
שפּיאָנען אָדער מענשען, ביי וועלכע די שפּיאָנסטווע איז נאָר אַ זייטיגע
חיונה, און בעזאָרגט זיי מיט שכר פֿאַר זייער „פּראַצע״: „עדות, געניטע
מענשען (עקספּערטען) און איבערזעצער, וועלכע מען רופֿט צו דער
נאָכפֿאָרשונג, בעקומען לוין פֿון די סומעס, וועלכע ווערען בעשטימט
אויף די הוצאות פֿון מיניסטעריום דעם אינערען״.

האָט זיך געענדיגט די נאָכפֿאָרשונג (אָדער די פֿאָרגעריכטליכע
אונטערזוכונג), געהט די דיעלע איבער אין געריכטס-הויז—אין סודעבנע
פּאַלאַטע מיט שטאַנדס-פֿאָרשטעהער (דער פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנ-
סטוואַ, דער גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ און דער וואָלאָסטנאָי סטאַרשינאַ),
אָדער אָהן זיי (אין אויסנאַהמס-פֿאַלען, אויף׳ן בעפֿעהל פֿון צאַר, אין
אַ „בעזונדער אסיפֿה״ פֿון סענאַט אָדער אין דעם „העכסטען קרימינאַל גע-
ריכט״). דער געריכטס-פּראָצעס איז אַ שריט צוריק אפילו אין פֿער-

גלייך מיט'ן געזעץ פֿון 1864. איינִיגע דיעלעס וועלען געפיהרט לויט
דעם געזעץ ביי פֿערמאַכטע טירען, ביי אַנדערע דיעלעס ווענדט
זיך אָן די ריכטער, צו מען זאָל משפט'ן ביי אָפֿענע אָדער ביי פֿער-
מאַכטע טירען, נאָר ווען אפילו די ריכטער זאָלען אַ מאָל ניט געפֿינען
פֿאַר נויטיג צו פֿערמאַכען די טירען פֿאַר'ן עולם, קען דאָס טהאָן דער
יוסטיץ-מיניסטער, אַזוי ווי דאָס איז געוועזען ביז אַהער. ווען דער פּראָ-
צעס קומט פֿאָר ביי פֿערמאַכטע טירען, קענען צוגעלאָזען ווערען, ווען
די אָנגעקלאָגטע פֿערלאַנגען עס, אין געריכטס-זאַל דער מאַן אָדער די
ווייב און די לייבליכע קרובים, נאָר ניט מעהר ווי צו איין מענ-
שען פֿון יעדער אָנגעקלאָגטען (ביז איצט האָט מען צוגעלאָזען צו 3
קרובים אָדער בעקאַנטע); אויך ווערען צוגעלאָזען אין געריכטס-זאַל
אַזוינע „בעאַמטע, וועמעס דיענסט-פּפֿליכטען גיבען אַ גענוגענדען
גרונד דערצו", אָדער פשוט גערעדט, עס ווערען צוגעלאָזען אַזוינע
הויכע בעאַמטע, וועמעס זיצען אין געריכטס-זאַל צווינגט די ריכטער
צו משפט'ן אַזוי, ווי פֿאַר דער רעגירונג פּאַסט בעסער. די פֿערטהיי-
דיגונג קענען איבערנעהמען נאָר „פּריסיאַזשנע פּאָווערענעס", ד. ה. פּאָ-
מאָשטשניקעס פֿון פּריסיאַזשנע פּאָווערענעס, פּריוואַטע פּאָווערענעס און
פּריוואַטע פּערזאָנען ווערען ניט צוגעלאָזען צו דער פֿערטהיידיגונג. די
געריכטס-הוצאות, וואָס עס קאָסט דאָס פֿיהרען פֿון פּראָצעס, און אפילו
פֿון דער נאָכפֿאָרשונג, פֿאַלען אויף די אָנגעקלאָגטע. אָט אַזאַ פּנים האָט
דער נייער געזעץ.

עס וואָלט פֿינדעסטועגען געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער
געזעץ פֿון 7-טען יוני איז מבטל אָדער, לכל הפחות, בעגרענצט שטאַרק
דעם רעכט אָבצופּסק'נען פּאָליטישע דיעלעס אויף'ן אַדמיניסטראַטיווען
וועג. דיזער נייער געזעץ האָט, אמת, מבטל געווען די תקנות פֿון 19-
טען מאַי 1871, נאָר ער האָט געלאָזען אונבעריהרט די תקנות וועגען
„פֿערשטאַרקטער בעשיצונג" פֿון 14-טען אויגוסט 1881, און מען וועט
זיך אָברעכענען מיט די רעוואָלוציאָנערען, ווי פֿריהער, אויך אויף'ן אַד-
מיניסטראַטיווען וועג. דער מיניסטער מוראַוויאָוו האָט שוין וועגען
דעם פֿער'דאגה'ט; אָט וואָס ער זאָגט אין זיין בעריכט דעם גאָסו-
דאַרסטווענעס סאָוויעט, אין וועלכען ער גיט צו פֿערשטעהען די טעמים
פֿון דעם נייעם געזעץ: „ווען מען קען ניט באַפּען אימיצען ביי'ם האַנד
און אויפֿווייזען מיט סמנים, אַז ער האָט אָבגעטהאָן אַ בעשטימטען
פֿערברעך געגען דער מלוכה, און די נאָכפֿאָרשונג איז בלויז דער-
גאַנגען, אַז די טהעטיגקייט פֿון דעם אָנגעקלאָגטען איז בכלל שעדליך
פֿאַר דער מלוכה-אָרדנונג און געזעלשאַפֿטליכער רוהע, וואָלט... געווען
צוועקמעסיג... איבערצוגעבען דעם מיניסטעריום דעם אינערען צו ענ-

דיגען די נאָכפֿאָרשונג, צו פֿיהרען איהר אין דער אָרדנונג, וועלכע איז
אָנגעוויזען אין די אַרטיקלען 36-35 פֿון דער געזעצגעבונג וועגען די
תקנות אויף צו פֿערהיטען די מלוכה-אָרדנונג און די געזעלשאַפֿטליכע
רוהע" (ד. ה. אין אַ „בעזונדער אסיפֿה" ביי'ם מיניסטעריום דעם אי-
נערען). דער פשט פֿון דיזע ווערטער איז אַזאַ: ווען עס איז דאָ
גענוג מאַטעריאַל אויף צו בעגראָבען דעם „פֿערברעכער", אָבהיטענדיג
דערביי אַלע געריכטליכע פֿאָרמען, וועט דער אָנגעקלאָגטער איבערגע-
געבען ווערען צום געריכט, ווען אָבער עס וועלען זיין צו ווייניג בע-
וויזען, אָדער זיי וועלען אין גאַנצען פֿעהלען, וועט די „דיעלע" אָבגע-
פסק'נט ווערען נאָך דעם אַלטען אַדמיניסטראַטיווען סדר. עס פֿער-
שטעהט זיך, אַז די אַדמיניסטראַציע, שטיצענדיג זיך אויף די תקנות
וועגען „פֿערשטאַרקטער בעשיצונג", וועט זיך ווי פֿריהער אָברעכענען
דורך אייגענע מיטלען מיט יענע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע וועלען אַרויס-
געהען פֿון געריכט ריין.

וואָס האָט געגוויט די רעגירונג אַרויסצוגעבען דעם געזעץ פֿון
7-טען יוני און מאַכען פֿאַר אַ סיסטעם געריכטליכע פראָצעסען איבער פּאָ-
ליטישע ענינים? אַ קלאָרע תשובה אויף דיזע פֿראַגע גיט אונז די סטאַ-
טיסטיק פֿון פאָליטישע פראָצעסען, וועלכע ווערט געבראַכט אין דעם
אויבענדערמאָנטען בעריכט פֿון מוראַוויאָוו. לויט דיזער סטאַ-
טיסטיק האָט זיך די צאָהל פאָליטישע נאָכפֿאָרשונגען, וואָס קומען פֿאָר
יעדען יאָהר, פֿערגרעסערט פֿאַר דעם משך פֿון 1894 ביז 1903 אויף
12½ מאָל (אין יאָהר 1894 זיינען געווען 158, אין יאָהר 1903 —
1,988), די צאָהל מענשען, איבער וועלכע עס פֿיהרט זיך אַ נאָכפֿאָר-
שונג — איז 11 מאָל פֿערגרעסערט (אין י. 1894—519 מענשען, אין
יאָהר 1903 — 5,590 מענשען), די צאָהל מענשען, וואָס זיינען פֿער'-
משפּט געוואָרען לויט דעם בעפֿעהל פֿון דעם צאַר — 13 מאָל פֿער-
גרעסערט (אין 1894 — 366, אין 1903 — 4,867), די צאָהל פֿון
פֿערשיקטע אין סיביר — 44 מאָל (אין 1894 — 21, אין 1903 —
988), אין די ווייטע געגענדען פֿון אייראָפּעאישען רוסלאַנד
— 18 מאָל (אין 1894 — 34, אין 1903 — 592), געשטעלטע אונ-
טער דער פּאָליציי-אויפֿזיכט — 5 מאָל (אין 1894 — 244, אין 1903
— 1,268) פֿער'משפּט'ע צו אַרעסט און צו געפֿענגניס — 6½ מאָל
(אין 1894 — 185, אין 1903 — 1,177).

דער מורא'דיגער וואוקס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, ווי
עס בעווייזט די געבראַכטע סטאַטיסטיק — אָט דאָ ליגט דער סוד פֿון
דעם נייעם געזעץ. אויף צו ראַנגלען זיך מיט דיזער בעוועגונג, מוז
מען פֿערשטאַרקען די רדיפֿות, און די ריכטער קענען, ווי עס איז בע-

וואַסט, אַרויסגעבען האַרטערע פּסקים, איידער די אַדמיניסטראַציע, זיי
קענען פֿער׳משפּט׳ן צו אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, אויף אויביגע פֿער-
שיקונג מיט אָבנעהמען די רעכטע, אויף קאַטאָרגע. ווייטער. די פֿער-
שיקונג אין די פּאָליציי-אויפֿזיכט — דאָס רוב בעשטראָפֿונגען, וואָס
ווערען אַרויסגעגעבען, ווען דער משפּט פֿיהרט זיך אויף דעם אַדמיניס-
טראַטיווען אופֿן — ווערען אַלץ אונבעקוועמער אין דעם ערך, ווי עס
וואַקסט די בעוועגונג, ווייל אַזוי ווי די רעוואָלוציאָנערע אויפֿרעגונג
איז אַלגעמיין, ווערען די ערטער, וואו עס געפֿינען זיך די פֿערשיקטע
און די געשטעלטע אונטער דער פּאָליציי-אויפֿזיכט, רעוואָלוציאָנערע
נעסטען, פֿון וואַנען די „מגפה״ פֿערשפּרייט זיך ווייטער; די פֿערשי-
קונגען און דאָס שטעלען אונטער דער פּאָליציי-אויפֿזיכט דער-
גרייכען ניט אגב אין גאַנצען זייער ציעל, ווייל וואָס ווייטער ווערען
אַלץ עפּטער די פֿאַלען, ווען די רעוואָלוציאָנערען צולויפֿען זיך און
הויבען אָן צו וואָהנען אונלעגאַל. ענדליך, אַזוי ווי דער רעוואָלוציאָ-
נערער קאַמפּף איז געוואָרען אַ׳ן אָפֿענער (דעמאָנסטראַציעס און כדומה)
און עס איז אונמעגליך צו פֿערבאָרגען פֿון אַ פֿרעמדער אויג דעם פֿאַקט,
אַז אין רוסלאַנד קומט פֿאָר אַ ברייטע מאַסען-בעוועגונג געגען דער
רעגירונג, און אַזוי ווי מען קען שוין איצט ניט איינריידען דעם עולם,
אַז אַלץ געהט כשורה, האָט קיין שום זינען ניט אָבצוטהאָן אַלץ בשתיקה,
ווי דאָס איז געווען ביים אַדמיניסטראַטיווען סדר — דען למאי זאָל
די רעגירונג אַרויסלאָזען אַזאַ טייערען מיטעל פֿון האַנד, ווי דער גע-
ריכט, אויף אָבצורעכענען זיך מיט איהרע שונאים? אָט דאָס זיינען, ווי
אונז דוכט זיך, די הויפּט-טעמים, צוליעב וועלכע עס איז בעשאַפֿען
געוואָרען דער געזעץ פֿון 7-טען יוני.

די רעגירונג האָט אַ פּנים בעשלאָסען אָנצואווענדען דעם געזעץ
פֿון 7-טען יוני גאַנץ אָפֿט: לויט די לעצטע ידיעות, האָט זי שוין אי-
בערגעגעבען אין די סודעבנע פּאַלאַטעס 250 פּאָליטישע „דיעלעס״.
אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, אויביגע פֿערשיקונג, קאַטאָרגע וועלען זיך שי-
טען פֿון דער פֿולער האַנד. נאָר די געריכטליכע ענויים וועלען אויך
אַזוי וויניג אָבשטעלען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, ווי ביז איצט
די אַדמיניסטראַטיווע ענויים.

אין דעם אַרטיקעל פֿון גענאָסע א. ב-ץ. וואָס מיר דרוקען אונ-
טען, וועט דער לעזער בעקאַנט ווערען מיט די פּרטים פֿון דער רעגי-
רונגס-טאַקטיק בנוגע צו די פּאָליטישע פּראָצעסען.

ו. ק.

פּאָליטישע פּראָצעסען.

I. פּלעווע און מוראַוויאָוו.

ביי די פּערפּאָלגונגען פֿון די רעוואָלוציאָנערען נעהמט זיך די רוסישע רעגירונג ווידער צו די מעטאָדען, מיט וועלכע זי האָט זיך בענוצט אין דער גוט-בעקאַנטער עפּאָכע פֿון די 70 גער און אָנפאַנג פֿון די 80-גער יאָהרען. דאָס רוב פּראָצעסען פֿלעגען דעמאָלט גע-פֿיהרט ווערען ניט אויף דעם אַדמיניסטראַטיווען אופֿן, נאָר מיט דעם געריכטליכען סדר. צעהנדליגער און הונדערטער רעוואָלוציאָנערען פֿלעגען איבערגעגעבען ווערען דעם משפּט פֿון די סודעבנע פּאַלאַטעס, די מיליטער-געריכטען, בעזונדערע אסיפות פֿון דעם סענאַט א. ז. וו. איצט, זייט די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האַט זיך אָנגעהויבען מורא'דיג צו פֿער-שאַרפֿען, קעהרט זיך אום כמעט די אייגענע געשיכטע. אין די 70-גער און 80-גער יאָהרען האָט מען איבערגעגעבען דעם געריכט ניט נאָר אַזוינע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע מען האָט בעשולדיגט אין טעראָריס-טישע אַקטען אָדער אין וועלכער עס איז שייכות צו זיי, נאָר אויך פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע, פֿערשפּרייטען ליטעראַטור און כדומה. מיר ווילען אויסרעכענען די בעריהמטעסטע פּראָצעסען אין כראָנאָלאָגישען סדר. אין יאָהר 1871 דער פּראָצעס פֿון די נעטשאַיעווצעס (גע'משפּט זיך 11 מאַן); 1874—פֿון די דאָלגושינצעס (12 מאַן): 1877—פֿאַר „די דעמאָנסטראַציע אויף'ן קאַזאַנסקען פּלאַץ" (21 מאַן); 1877 — „דער פּראָצעס פֿון 50" (50 מאַן); 1877 — „דער משפּט פֿון 193" (193 מאַן); 1879—צוויי פּראָצעסען פֿון די טשיגירינצעס (34 מאַן): 1879 — דער משפּט פֿון 28—אין אַדעס, דער פּראָצעס פֿון ליזאָגוב און אַנדערע—(28 מאַן); 1879 — דער פּראָצעס פֿון בראַנטנער, דעבאַגאָרי מאָקריעוויטש און אַנדערע (14 מאַן); 1880 — די ערמאָרדונג פֿון מעזענצאָוו (11 מאַן); 1880 — דער פּראָצעס פֿון ראָסיקאָוואַ (13 מאַן): 1880 — דער פּראָצעס פֿון קוויאַטקאָווסקי, זונדעלעוויטש, פּרעסניאַקאָוו, שיריאַיעוו און אַנדערע (16 מאַן); 1880—דער פּראָצעס פֿון איוואַנאָוו, פּאָפּאָוו, לאָזיאַנאָוו און אַנדערע (21 מאַן); 1880—דער

פראָצעס פון געליס, וולאַסטאָפּולאָ, מיגאַקאָוו און אַנדערע (אין אַדעס — 19 מאַן). אין יאָהר 1881—דער פראָצעס פֿון 1-טען מערץ 1881 (6 מאַן); 1882 — דער פראָצעס פֿון מאָראָזאָוו, אַל. מיכאַילאָוו, קאָלאָטקעוויטש, טריגאָני און אַנדערע (20 מאַן); 1882 — די ערמאָרדונג פֿון סטרעלניקאָוו (2 מאַן); 1883 — דער פראָצעס פֿון זיבעצעהן (סטעפּאַנאָוויטש, י. באָגדאַנאָוויטש, גראַטשעווסקי, טעלאַלאָוו און אַנדערע (17 מאַן); 1883 — דער פראָצעס פֿין דוואָנקעוויטש, מאַיער און אַנדערע (19 מאַן); 1884—דער פראָצעס פֿון 14 (וו. פֿיגנער און אַנדערע, מיטגליעדער פֿון דער „מיליטער-אָרגאַניזאַציע"—14 מאַן); 1886 — דער פראָצעס פֿון פראָלעטאַריאַט (29 מאַן); 1887 — דער פראָצעס פֿון סיגידאַ, טרינידאַטסקאַיאַ (8 מאַן); 1887—דער פראָצעס פון הערמאַן לאָפּאַטין, יאַקובאָוויטש, סאַלאָוו (21 מאַן); 1887 — דער פראָצעס פֿון 1-טען מערץ 1887 (5 מאַן); 1889 — די יאַקוטסקער הריגה (29 מאַן).

מיר האָבען בסך הכל אויסגערעכענט 25 פֿון די בעריהמטעסטע און גרעסטע פראָצעסען. אין גאַנצען זיינען פֿאָרגעקומען אין פֿערשיע-דענע געריכטס-הייזער פּאָליטישע פראָצעסען אין די 70-גער און 80-גער יאָהרען, וואַהרשיינליך, אַרום הונדערט. מען קען זאָגען על פי שכל, אַז ניט אין יעדען יאָהר איז פֿאָרגעקומען די גלייכע צאָהל פראָצעסען: די העכסטע ציפֿער דערגרייכט זי צו דער צייט, ווען די רעוואָלוציאָ-נערע בעוועגונג וואַקסט אויס ביז צום העכסטען גראַד (ווייל די פּאָר-געריכטליכע אונטערזוכונג געדויערט אַ פּאָר יאָהר, מוזען געוועהנליך די פראָצעסען פֿערשפּעטיגען זיך אויף אַזאַ צייט). צ. ב. די 86 פראָ-צעסען, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען אין משך פֿון די 70-גער און 80-גער יאָהרען, ווערען פֿאַנאַנדערגעטיילט נאָך יעדען יאָהר און נאָך יעדע 5 יאָהר אַזוי:

יאָהר	צאָהל פּראָצעסען	פּראָצענט	אַלע 5 יאָהר
1871	1	1,16	
1874	2	2,33	4,65 % — 4
1875	1	1,16	
1876	2	2,33	
1877	2	2,33	
1878	4	4,65	52,33 % — 45
1879	21	24,42	
1880	16	18,61	

יאָהר	צאָהל פּראָצעסען	פּראָצענט	אַלע 5 יאָהר
1881	8	9,30	
1882	9	10,47	
1883	5	5,81	32,56 % — 28
1884	4	4,65	
1885	2	2,33	
1886	2	2,33	
1887	5	5,81	10,40 % — 9
1889	1	1,16	
1890	1	1,16	
ס"ה	86	100 %	

ווען מיר זאָלען אַלזאָ פֿאַנאַנדערטיילען דעם גאַנצען משך צייט אויף 5-יאָהריגע פּעריאָדען, בעקומען מיר פֿאַר די ערשטע 5 יאָהר 41/2 % (פֿון דער גאַנצער צאָהל פּראָצעסען), פֿאַר די אַנדערע 5 יאָהר — 52 %, פֿאַר די דריטע — 33 %, פֿאַר די פֿיערטע — 101/2 %.

צום סוף פֿון די 80-ער יאָהרען פֿלעגען פּאָליטישע פּראָצעסען פֿאָרקומען נאָר ווען ניט ווען. דאָס איינענע איז געווען אויך אין די 90-גער יאָהרען, נאָר זעלטענווייז פֿלעגען געפֿיהרט ווערען פּראָצעסען, און דאָס נאָר אַזוינע, וועלכע זיינען אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך סאָציאַלע פֿערהעלטניסען, צ. ב., וועגען וועהרען זיך פֿון בייערען געגען די פּאָליצי-בעאַמטע ביי׳ם פֿאַנאַנדערמעסטען די ערד אָדער וועגען בונטען פֿון אַרבייטער, צו וועלכע די רעוואָלוציאָנערען האָבען קיין שום שייכות ניט געהאַט; פּאָליטישע עלעמענטען זיינען דערין ניט געווען פֿערמישט.

נאָר ניט צוליעב דעם האָבען אויפֿגעהערט די פּאָליטישע פּראָ-צעסען, ווייל די רעוואָלוציאָנערע אַרבייט האָט זיך מעהר ניט געפֿיהרט. אמת, צום סוף פֿון די 80 ער און אָנפֿאַנג פֿון די 90-ער יאָהרען איז טאַקי געווען שטיל ווי אויף׳ן בית-הקברות, מחמת די אַלטע אַרבייט איז אָבגעשטאָרבען, און די נייע איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען; נאָר זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען פֿון מיטען פֿון די 90-ער יאָהרען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע, זיינען אַלץ עפֿטער גע-וואָרען אַרעסטען און פּאָליטישע משפּטים. אין פּוילען און ליטא איז עס פֿאָרגעקומען מיט אַ פּאָר יאָהר פֿריהער, איידער אין די איבע-ריגע טיילען פֿון רוסלאַנד.

די בעוועגונג, וועלכע איז אַלץ געוואַקסען, איז ביי דער רעגירונג

אַ פּנים ניט אויסגעקומען געפֿעהרליך. אַזוי ווי זי האָט זיך געפֿיהרט די ערשטע צייט נאָר בנוגע צו די פֿערהעלטניסען צווישען די אַרבייטער און בעלי-בתים, און די אַגיטאַציע האָט בעריהרט דאָס רוב אַזוינע פּראַגען, וועלכע האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער רעגירונג — וועגען שכירות, אַרבייטס-טאָג, שטראָפֿען א. ז. וו. — האָט די רעגירונג גערעכענט, אַז מען קען זיך בענוגענען מיט די אַלטע תקנות וועגען „פֿערהיטען און איבערהאַקען" די פֿערברעכען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען דעם 14-טען אויגוסט 1881. אַלע אַזוינע „דיעלעס" פֿלעגען גע׳משפּט ווערען אויף׳ן אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט י וו ע ן סדר. דאָס איז צוגעגאַנגען אַזוי. בעקומענדיג אויף וועלכען עס איז אופֿן ידיעות וועגען פּאָליטישע „פֿערברעכען", גיט איבער די גובערנסקע זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניע ווערמען עס איז פֿון איהרע בעאַמטע צו פֿיהרען די נאָכפֿאָרשונג (דאָזנאַניע), מען מאַכט אַ הויז-זוכונג און מען אַרעסטירט. דאָס, וואָס מען האָט פֿערכאַפּט בעת׳ן אַרעסט, ווערט אַרומגעפֿאָרשט, די אַרעסטירטע האַלט מען שטריינג אין בעזונדערע הדרים, אַז קיינער זאָל מיט זיי קיין מגע ומשא ניט האָבען; דער פֿערהער ווערט געפֿיהרט פֿון אַ זשאַנדאַרמסקען אָפֿיציר; דערביי געפֿינט זיך אָדער געפֿינט זיך ניט דער טאָוואַרישטש פּראָקוראָר. די גאַנצע נאָכפֿאָרשונג פֿיהרט זיך, לויט דער געזעץ פֿאָדערט, אונטער דער השגחה פֿון פּראָקוראָר פֿון דער סודעבנער פּאַלאַטע, צו וועלכען מען דאַרף זיך ווענדען, אויב עס איז דאָ עפּעס אַ טענה געגען דעם זשאַנדאַרמסקען אָפֿיציר. האָט זיך די נאָכפֿאָרשונג געענדיגט, שרייבט אויף דער טאָוואַרישטש-פּראָקוראָר זיין מיינונג וועגען דעם פּראָצעס, און דעמאָלט געהט ער איבער צום פּראָקוראָר פֿון סודעבנער פּאַלאַטע, וועלכער בעשטימט, צו וואָס פֿאַר אַ מין דיזער פֿערברעכער דאַרף צוגערעכענט ווערען און לייגט פֿאָר אַ פּסק; ווייטער געהט דער ענין איבער אין יוסטיץ-מיניסטעריום, אין די קאַנצעלאַריע פֿאַר בעזאָנדערע קרימינאַל-פֿערברעכען; אָט דאָ ווערט די „דיעלע" איבערגעקוקט דעם לעצטען מאָל; עס האַלטען זיך אַ׳ן עצה דער דירעקטאָר פֿון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט מיט׳ן דירעקטאָר פֿון דער קאַנצעלאַריע פֿאַר בעזאָנדערע קרימינאַל-פֿערברעכען וועגען דעם, וואָס פֿאַר אַ פּסק מען זאָל געבען; דאָס רוב בלייבען זיי ביי׳ם פּסק, וועלכען דער פּראָקוראָר האָט פֿאָרגעלייגט; פֿערגרעסערען דעם פּסק טאָרען זיי ניט, נאָר זיי האָבען דעם רעכט צו פֿערקלענערען איהם אָדער אַ ביסעל איבערענדערען. נאָר אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך ניט איין מאָל געטראָפֿען, אַז דער פּסק איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען פֿון מיניסטעריום דעם אינערען, וועלכער איז געווען אַ סך האַרטער, איידער אפילו דער, וועלכען דער פּראָקוראָר האָט געוואָרט האָבען. אַזוי איז געווען

צ. ב. מיט דעם פּראָצעס וועגען דער דעמאָנסטראַציע אין ווילנער טעאַטער אין מאַי 1902 און מיט'ן פּראָצעס פֿון די אַרבייטער, וועלכע מען האָט בעשולדיגט פֿאַר די ביאַלאָסטאָקער דעמאָנסטראַציע דעם 4-טען מערץ 1901 און מיט איינינע, וואָס האָבען זיך גע'משפּט פֿאַר די „אַרביטער ביבליאָטעק". אפילו די זשאַנדאַרמען אַליין האָבען זיך ניט געריכט אויף אַזאַ האַרטע שטראָף; דאָס קען מען זעהען דערפֿון, וואָס זיי האָבען געפֿונען פֿאַר מעגליך באַלד נאָך דער נאָכפֿאָרשונג צו בעפֿרייען די פֿערברעכער אָהן ערבות און אַ מאָל ניט שטעלענדיג אפילו אונטער דער פּאָליציי-אויפֿזיכט; איצט מוזען זיי נעבעך האָבען אַ סך טרחה צו זוכען די פֿערברעכער, כדי צו ערפֿילען דעם פּסק.

נאָר כדי די משפּטים זאָלען האָבען אַ וועלכען עס איז פּנים פֿון געזעצליכקייט, שרייבט מען איבער דיזע אַלע „דיעלעס" מיט אַ שעהנער האַנדשריפֿט אויף גוטע דיקע פּאַפּיר און מען דערלאַנגט זיי דעם געקרוינטען חכם אין איינעם מיט אַנדערע פּאַפּירען, ער זאָל זיך אונטערשרייבען. ער שמירט אַרויף 2 בוכשטאַבען „ס. נ.", ד"ה, „סאָגלאַסען" (מסכים) ניקאָלאַי. נאָך דער חתימה איז דער פּסק שוין אודאי כשר לכל הדעות.

וואָס פֿאַר אַ ציעל האָט דערביי די רעגירונג, פֿיהרענדיג אויף אַזאַ סדר די פּאָליטישע משפּטים? זי ציעלט זיך דערצו, אַז מען זאָל וואָס וועלוועלער, שטילער און פּראָסטער אָב'פּטר'ן זיך מיט די אַלע פֿערדעכטיגע עלעמענטען, וועלכע קענען אויף וואָסער עס איז אופֿן אונטערגראָבען די איצטיגע אָרדנונג. און דאָס איז גרייכער צו מאַכען אויף'ן היימישען שטייגער, אָהן טומעל, אָהן רעש, דורך די „אייגענע" אויסגעקליבענע און אויסגעמושטרעוועטע אַגענטען, און האַלטענדיג אַלץ בסודי-סודות. ביינאַכט, ווי גנבים, מאַכען די זשאַנדאַרמען זייערע הויז-זוכונגען און אַרעסטען. די אַרעסטירטע פֿיהרט מען אין פֿערמאַכטע קאַרעטעס, האַלט אין בעזונדערע חדרים, אין וועלכע זיי טאָרען ניט הערען אַ קול פֿון יענער „פֿרייער" וועלט. אויף אַלע פּאַפּירען, וואָס עס קומען אָן די אַרעסטירטע, שטעהט אויפֿגעשריבען פֿון אויבען „געהיים" א. ז. וו.

אָט אַזוי ווערען געפֿיהרט די פּראָצעסען אויף'ן אַדמיניסטראַטיווען סדר, צו האָט דען דערביי דער אַרעסטירטער וועלכע עס איז בעוואָרענעש, אַז ער וועט בעשטראָפֿט ווערען טאַקי נאָך זיין „חטא", ניט האַרטער? מיט אַנדערע ווערטער — צו זעהען די זשאַנדאַרמען טאַקי אַקוראַט ריכטיג צו דערגעהען די עולות פֿון יענע מענשען, וועלכע זיי האָבען אָבגעריסען פֿון דער היים, פֿון דער פֿאַמיליע, פֿון דער אַרבייט און וועלכע זיי האַלטען פֿערשפּאַרטערהייט? צו קענען זיי טאַקי באמת אונטערשיידען די „רשעים" פֿון די „צדיקים", די מענשען, וועלכע זיינען

באמת געפֿעהרליך פֿאַר דער רעגירונג, פֿון די ווייניג ענטוויקעלטע, פאַסיווע אָדער גאָר אין גאַנצען אונשולדיגע מענשען? די ערפֿאַהרונג פֿון אַ סך יאָהרען האָט בעוויזען, אַז אין די אַמאָליגע יאָהרען, ד. ה. אין אָנפֿאַנג פֿון די 90-ער יאָהרען, ווען אַזוינע „עסקים" זיינען נאָך געווען ווינציג אין די זשאַנדאַרמען פֿלעגען נעבאַך אַרומגעהען שלינג-שלאַנג, פֿלעגען זיי זיך נאָך ווי עס איז אָריענטירען, אונטערשיידען די פסלת פֿון די קאָרן, די „הויפט-פֿערברעכער" פֿון דעם „קליינ-וואַרג" און לויט נאָך דעם אַרויסגעבען פסקים. נאָר שפּעטער, אַז מען האָט אָנגעהויבען צו כאַפּען מענשען הונדערטער- און טויזענדערווייז, אַז די טורמעס זיינען געוואָרען פֿול און פֿול פֿון פּאָליטישע, און ביי די זשאַנדאַרמען האָבען זיך גענומען ברעכען די רוקענס פֿון דער משא „דיעלעס", האָבען זיי פֿערלאָרען יעדען חוש, און אַ סך אונשולדיגע ווערען אומזיסט-אומנישט פֿערשיקט, אָדער פֿערזעצט אין טורמע. עס קומען פֿאָר זאַכען, וועלכע דער שכל פֿערנעהמט ניט: עס געהען אין סיביר מענשען, וואָס זיינען אָהן אַ שום ספק פֿערדעטהער, שפּיאָנען און זובאַטאָווצעס. די בעשולדיגונגען זיינען אָפֿט פשוט אונזיניג, אָפֿט פֿערלאָזען זיך די זשאַנדאַרמען בלויז אויף די ווערטער פֿון די שפּיאָנען, וועלכע פּלאָנטערען מורא'דיג, פּראַווען אָן ליגענס לרוב.

ווען ביי דער געוועהנליכער געריכטספֿיהרונג פֿון די קרימינאַלע פּראָצעסען, וועלכע דאגה'ט ווי ווייט מעגליך דערפֿאַר, אַז עס זאָלען ניט ליידען קיין אונשולדיגע, טרעפֿען זיך פֿונדעסטוועגען ביי די ריכטער פֿעהלערען, קען מען זיך שוין לייכט פֿאָרשטעלען, ווי פֿיעל גאָר ריינע מענשען, וואָס זיינען צופֿעליג אַריינגעפֿאַלען, געהען אַוועק אין סיביר און טורמעס ביי דער זשאַנדאַרמישער געריכטס-פֿיהרונג, וועלכע רופֿט זיך „דער אַדמיניסטראַטיוו-געריכטליכער סדר".

נאָך אין די 70-ער יאָהרען האָט דער בעריהמטער רוסישער שריפֿט-שטעלער שטשעדרין בעשריבען, ווי ווייט די אַלע משפטים, וואָס ווע-רען געפֿיהרט נאָך'ן אַדמיניסטראַטיווען אופֿן, ווענדען זיך אָן דעם צו-פֿאַל: — „דו מוזט דאָך אָבער מודה זיין — טענה'ט דער מחבר צום טאָוואַרישטש-פּראָקוראָר סעניטשקאַ — אַז ביי'ם אויסקלייבען צווישען צופֿעליגקייטען, קען מען גרינג האָבען אַ טעות; נאָך דיר נאָך קומט, הייסט עס, אויס, אַז אפילו אַ טעות דאַרף אויך בעשטראָפֿט ווערען לויט די תקנות פֿון מלחמה-צייט?" „אודאי, געוויס בעשטראָפֿט ווערען! — „קומט עס, הייסט עס, אויס, אַז אין גרונד פֿון דיין מלחמה ליגט דער בלינדער צופֿאַל?"

„אודאי, דער צופֿאַל. נו, וואָס איז אַזוינס פֿאַר אַ'ן אונגליק, וואָס אַ צופֿאַל: דערויף איז דאָך דאָס אַ מלחמה!"

ש ט ש ע ד ר י ן בעשרייבט נאָך אַזוינע וכוחים מיט פֿערשיעדענע ס ע נ י ט ש ק אַ'ס: אומעטים דאָס אייגענע: אומעטום לאָזט זיך פֿיהלען דיזע „מלחמה", אומעטום הערשט דערביי דער צופֿאַל; און טרויעריגע געדאַנקען קומען אַרויף אונזער מחבר אויף'ן קאָפּ: „גיט אַ קוק אויף דעם אונענדליך ברייטען ים פֿון מענשען, גיט אַ קוק אויף דיזע כוואַלעס פֿון מענשען-מאַטעריאַל, וואָס בייטען זיך און לויפֿען איינע אויף די אַנדערע — און ווען ביי אייך איז ניטאָ קיין יושר אין האַרצען, קענט איהר זיך גרינג איינשמועסען, אַז ווי פֿיעל מען זאָל דאָ ניט שעפען, וועט אַלץ בלייבען גענוג, און ניט נאָר וואָס גענוג, עס קומט אפילו גאָר ניט אָב; און ווען עס זאָל אַלזאָ ניט אַרען דערפֿאַר, וואָס די אויסגעשעפטע עלעמענטען האָבען דאָך אויך עפּעס אַ שטיקעל ווערט — און ווען עס איז ניטאָ קיין יושר אין האַרצען, קען דען אַרען פֿאַר אַזוינע זאַכען? — וועט איהר דערפֿיהלען אַזאַ גרינגקייט אויף'ן האַרצען און אַזאַ פֿרייהייט אין די הענד, אַז איהר וועט מאַכען זיך זאָגען אויף אַ'ן אמת'ן: „פֿאַר וואָס זאָל מען ניט שעפּען, אַז ווי באַלד אויף'ן אָרט פֿון דער אויסגעשעפטער כוואַלע, ווערט בעשאַפֿען תיכף אַ נייע?"

דעם מיניסטער ס י פּ י אַ ג י ן ע"ה האָט ניט געפֿעהלט, ווי עס איז בעקאַנט, „גרינגקייט אויף'ן האַרצען און פֿרייהייט אין די הענד", ער האָט עס געהאַט ניט ווייניגער ווי ס ע נ י ט ש ק אַ, נאָר ער האָט איהם דאָך אַריבערגעיאָגט אין דער מייגונג, אַז דעם ים פֿון מענשען וועט מען ניט אויסשעפען. „דער אַדמיניסטראַטיוו-געריכטליכער סדר", ווי עס פֿלעגען געפֿיהרט ווערען די פּאָליטישע פּראָצעסען ביז אַהער, איז ביי איהם אויסגעקומען צו שווער און ניט גענוג געהיים. צו וואָס דאַרף מען, אַז עס זאָל זיך אין אַזוינע ענינים אַריינמישען דער יוסטיץ-מיניסטעריום? ביי איהם, ביי'ם יוסטיץ-מיניסטעריום, איז נאָך פֿאָרט עפּעס געבליבען אַ זכר פֿון די לעקציעס, וועלכע ער האָט געהערט אין אוניווערזיטעט וועגען רעכט! ניין, דאָס איז אַ פֿינפֿטע ראָד צום וואָגען. מען דאַרף אייסזוכען ראיות, אַרויסשלאָגען זיך פֿון די כחות, כדי מיט אַלערליי דרכים, סיי פֿאַלשע סיי אמת'ע, אויפֿווייזען דעם חטא, צווינגען מודה צו זיין זיך. און די חיה רעה פֿון דער רעוואָלוציע שלאָפֿט דערווייל ניט, די שונאים פֿערשפּרייטען אומעטום זייערע נעצען און וואַקסען אַלין אין צאָהל. עס ווינען שוין „פֿערכאַפּט געוואָרען" צעהנדליגער טויזענדער. דעם קרעציגען מוז מען אַרויסשיקען מהוין לאותה! נאָר וואָס טהוט מען, אַז אַזוינע קרעציגע ווינען שוין דאָ טויזענדער? דאָ קען מען שוין ניט מאַכען קיין לאַנגע שהות, און קוקען באָטש לפנים וועגען אויף'ן געזעץ. מען מוז אַרבייטען אַזוי, ווי מיר האָבען בקבלה

פֿון דעם פּאַפּסט׳ס שלוחים אין מיטעלאַלטער, ווי זיי פֿלעגען זיך איינ-קירעווען איינס און צוויי מיט די אפיקורסים, „שלאָג, הרג׳ע אויס אַלע-מען, סיי די צדיקים, סיי די רשעים!“ דער אויבערשטער אויף יענער וועלט וועט פֿאַנאַנדערקלייבען, ווער עס איז אַ׳ן אפיקורס און ווער עס איז אַ צדיק גמור—אַ קאַטאָליק. זוכען מיטלען דאַרף מען אויך ניט לאַנג, עס זיינען שוין דאָ גענוג אין דעם רייכען „אוצר“ פֿון די „תקנות אויף צו פֿערהיטען און איבערהאַקען די פֿערברעכען געגען דער מלוכה“.

די „פֿערשיקונג אויף׳ן אַדמיניסטראַטיווען וועג“, מיט וועלכער דער מיניסטער דעם אינערען האָט לויט די סטאַטוטען דעם „רעכט“ צו בע-נוצען זיך, ווי זיין האַרץ געלוסט, ניט אָבגעבענדיג קיינעם קיין דין וחשבון, איז אַ גאַנץ גוטער מיטעל, וועלכער האָט אָבער נאָר איין חסרון: לויט דיזע סטאַטוטען קען מען פֿערשיקען העכסטענס סך הכל אויף 10 יאָהר. מען דאַרף נאָר זעהען איינפֿיהרען דאָ אַ שטיקעל סדר, בעשאַפֿען אַ ספּעציעלע איינריכטונג פֿאַר אַזוינע ענינים, וועלכע זאָל אַרבייטען געשווינד און „פֿון זיך אַליין“, ווי היינטיגע האַרמאַטען פֿון מאַקסימאָו׳ס סיסטעם.

ביי׳ם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט איז געגרינדעט געוואָרען אַ בעזונ-דער קאָמיסיע, אויף צו פֿיהרען די פּאָליטישע „דיעלעס“.

די, וועלכע מען איז חושד אין פּאָליטישע פֿערברעכען, ווערען אָנגעקלאָגט נאָך די תקנות וועגען „מלוכה-בעשיצונג“ („גאָסודאַרסטווענאַיאַ אָכראַנאַ“) און מען משפּט זיי לויט דעם געזעץ וועגען אַדמיניסטראַטי-ווער פֿערשיקונג. די תקנות וועגען מלוכה-בעשיצונג זיינען בכון אויס-געדריקט אַזוי אונקלאָר, אַז מען קען זיי טייטשען ווי מען וויל; פֿאַר יעדען פּסק, וועלכען די „דיינים“ גיבען אַרויס פֿאַר אַ וועלכען עס איז פֿערברעכען, קענען זיי שטענדיג געפֿינען אַ תירוץ אין דיזע תקנות. איצט זיינען דאָ נאָר צוויי אינסטאַנציעס, דורך וועלכע דער משפּט געהט דורך: די זשאַנדאַרמסקע אופּראַווּלעניע און דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַ-מענט, די זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניע פֿיהרט אַליין די נאָכפֿאָרשונג און לייגט פֿאָר אַ פּסק. נאָך דעם געהט דער משפּט איבער אין פּאָלי-ציי-דעפּאַרטאַמענט, וועלכער גיט זיין הסכמה אויף׳ן גזר-דין. דערמיט איז דער פּראָצעס אָבגע׳פּטר׳ט און פֿאַרטיג, און מען איז מקיים דעם פּסק. קיין קאָנטראָל איז ניטאָ, און איצט איז שוין גאָר ניטאָ, וועמען צו קלאָגען זיך. אַלץ ווערט אָבגעטהאָן אויף׳ן היימישען שטייגער, צווישען אייגענע מענשען, בשתיקה, געשווינד, אָהן איבעריגע שהות.

די הויפּט-ראָלע האָט אין דער געריכטס-אָרדנונג געשפּיעלט פֿאַר סיפּיאַגין׳ס צייט די מאָסקווער „אָכראַנגאָיע אָטדעלעניע“. אַהער פֿלע-גען אָנקומען מאַסען דיעלעס, און מען פֿלעגט זיי אָב׳פּטר׳ן איינס און

צוויי. עס איז געווען פֿאַר אַלעמען אַ רפֿואה, נאָר לפֿניט וועגען האָט מען געגעבען פֿערשיעדענע פּאָרציעס: וועמען דיגאַנצע 5 יאָהר, וועמען 3-4 יאָהר, אַ׳ן אַנדערען בלויז 2 און אפילו נאָר איין יאָהר. בעשטימען די פּאָרציעס פֿלעגט מען געוועהנליך אויף׳ן אויג, אָט אַקוראַט ווי מען גיט למשל די רפֿואות אין אייניגע קהל׳שע הקדשים. „הזמן קצר והמלאכה מרובה״ (די צייט איז קורץ, און אַרבייט איז דאָ אַ סך).

סיפיאַגין איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, און זיין אָרט האָט פֿערנומען פּלעווע, אַ געניטער תליון, אַ ספּעציאַליסט אין פּאָליטישע ענינים, ווייל ער איז געווען דירעקטאָר פֿון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט נאָך אין דער צייט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. דיזער בריאה האָט ניט געפֿעהלט קיין זעלבסטשטענדיגקייט, ער האָט פֿיינד געהאַט נאָכצוטהאָן זיינע „גייסטיגע אבות״. סיפיאַגין האָט געוואָלט בייקומען די אַלץ וואַקסענדע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג דורך פֿערשיקינג פֿון מאַסען מענשען. דאָס האָט טאַקי די מעלה, וואָס יעדער מענש, אויף וועלכען מען האָט דעם קלענסטען חשד, ווערט אַרויסגעריסען פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿערשליידערט אין די וויסטע מדבריות פֿון סיביר. אָבער דערין ליגט פֿאָרט אַ חסרון: די רעכטע פֿיהרער און אָרגאַניזאַטאָרען, אָט די „באַצילען פֿון דער רעוואָלוציע״, ווי פּלעווע האָט זיי אָנגערופֿען, ווערען אין איילעניש ניט דערקענט, ניט אונטערגעשיידט פֿון דעם „קליינוואַרג״ און ווערען במילא ניט בעשטראָפֿט, ווי זיי זיינען ווערט. בקיצור, עס איז אפילו גוט איבערצוהאַקען די פֿערברעכען בלינדערהייט, אָבער עס איז פֿאָרט גלייכער איבערצוהאַקען זיי מיט אַ׳ן אָפֿענעם אויג.

און גערעדט און געטהאָן. קודם כל האָט ער צוריקגעגעבען די זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניעס זייער אַמאָליגע בעדייטונג, וואָס סיפיאַגין האָט ביי זיי אָוועקגע׳גזל׳ט. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז ניט נאָר די נייע „דיעלעס״ זאָלען געפֿיהרט ווערען דורך די זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניעס, נאָר עס זאָלען איבערגעהען צו זיי אפילו די אַלטע, וואָס זיינען שוין געווען אין די הענד פֿון דער מאָסקווער „אָכראַננאָיע אָטדעלעניע״ און וועלכע האָבען שוין געהאַלטען ביים סוף* און תיכף נאָך דעם האָט ער געכאַפּט אַ קיק אויף די אַמאָליגע גאָלדענע צייטען, און נעבען די לאַנגאָניגע אויסגעצייכענטע מיטלען, ווי צ. ב. דעם טעראָר געגען די פֿערשפּאַרטע אין די טורמעס און די

* אָט אַזוי צ. ב. האָט ער געטהאָן מיט דער דיעלע פֿון „מאָסקווער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע״ (1902) און פֿון די ווילנער פּריקאַזטשיקעס (1901-02).

פּערשיקטע, שמיין, אידישע פּאָגראָמען א. ז. וו. — האָט ער אַרויסגעשלעפּט נאָך אַ'ן אַלטען כלי זין — געריכטס-פּראָצעסען.

נאָר דאָ איז איהם אויסגעקומען צו האָבען אַ'ן עסק מיט דעם יוסטיץ-מיניסטער. מוראַוויאָוו איז איך שטאַרק בעהאַוועגט אין הלכות רעוואָלוציע, ער האָט געקריגען אַ גרויסען שם דורך דעם פּראָצעס פּון 1-טען מערץ 1881, אין וועלכען ער איז אַרויסגעטראָטען אַלס פּראָקוראָר. אַ צעקאַווע געשיכטע! דער יוסטיץ-מיניסטער, אַ יוריסט, אַ שומר פּון די געזעצען, שטעהט שטאָל אין אייזען דערפאַר... אַז מען זאָל משפּט'ן אויף'ן אַדמיניסטראַטיווען סדר; און דער העדר פאָן-פּלעווע, דער מיניסטער דעם אינערען, דער הויפּט-מאַן איבער אַלע ושאַנדאַרמען, דורך וועמעס הענד עס זיינען דורכגעגאַנגען טויזענדער אַדמיניסטראַטיווע פּסקים, וועלכער האָט ניט לאַנג אַרויסגעוויזען אין דיזען פּרט זיין גאַנצען „יושר" און בריה'שאַפט אַלס אַ שטאַאטס-סעקרעטאַר פּון פינלאַנד — אָט דער אייגענער פּלעווע סטאַרעט זיך מיט אַלע כחות איינצופיהרען די געריכטס-אָרדנונג!

די סבה, פאַר וואָס דער פאָרשטעהער פּון דער רוסלענדער יוסטיץ איז געווען געגען דער יוסטיץ, און דער הויפּטמאַן פּון דעם אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר איז געווען געגען דעם אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר — איז געווען גאָר אַ פּשוט'ע. די יוסטיץ איז דאָ חס ושלום ניט אויסען געווען די געזעצליכע בעוואָרעניש פאַר די אָנגעקלאָגטע, אַז זיי זאָלען ניט פער'משפּט ווערען אָהן אַ שום חטא; איהם האָט נאָר געאַרט פאַר די פּסקים, ריכטיגער געזאָגט, מען זאָל אַרויסגעבען וואָס גרעסערע פּסקים. פּלעווע האָט גרויס צער געהאַט דערפון, וואָס מעהר ווי צעהן יאָהר פּערשיקונג האָט ער ניט „דעם רעכט" צו געבען די פערהאַסטע רעוואָלוציאָנערען ביי דעם אַדמיניסטראַטיווען משפּט: ווען די פּסקים זאָלען געהען דורך'ן געריכט, קען מען משפּט'ן נאָך די פּאַראַגראַפען 250, II 251, 252 (די געוועהנליכע פּאַראַגראַפען, נאָך וועלכע מען משפּט פאַר סאָציאַלדעמאָקראַטישע פערברעכען), נאָך וועלכע מען קען מכבד זיין מיט קאַטאָרגע, אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, מיט אייביגע פערשיקונג אין אָבנעהמען אַלע רעכטע. אַזעלכע פּסקים זיינען נאָך, פערשטעהט זיך, ניט געווען קיין אידעאַל פאַר פּלעווע'ן, וועלכער האָט שטענדיג גע'טענה'ט, אַז דער בעסטער מיטעל אויף פּטור צו ווערען פון די „בונטאָוושטשיקעס" איז די תליה פאַר אַלע „רעוואָלוציאָנערע באַצילען"; נאָר פונדעסטוועגען—פאָרט „בעסער", איידער רק פערשיקונג און פערשיקונג *.

---

* אויך אין דעם פּרט פון תליות קענען די געריכטס-פּראָצעסען

מוראַוויאָווו איז אָבער געגאַנגען מיט אַ'ן אַנדער גאַנג. קאַטאָרגע, אַרעסטאַנטסקע ראָטעס א. ז. וו. איז ניט קיין שלעכטע זאַך— ניטאָ וואָס צו רעדען; ממילא זיינען אויך גוט די געריכטס פּראָצעסען, דורך וועלכע מען קען דערגרייכען אַזוינע אויסגעצייכענטע רעזולטאַטען. נאָר צום אונגליק איז דאָ פֿאַראַן אַ גרויסע פּגימה. אמת, דערמיט קען מען טאַקי אָנטהאָן גרעסערע יסורים די רעוואָלוציאָנערען, אָבער פֿון דער אַנדער זייט ברייננגט עס אַ גרויסען שאָדען דער רעגירונג גופא, מחמת דאָס פֿערשטאַרקט די רעוואָלוציע. און דיזע חסרונות וועגען אַריבער, נאָך זיין מיינונג, די „מעלות" פֿון די געריכטס-פּראָצעסען.

דער גרעסטער חסרון איז דאָ — דער רעש, וועלכען די פּראָצעסען מאַכען אָן. ווי מען זאָל ניט פֿערשפּאַרען די טירען פֿון געריכטס-הויז, נאָר פֿונדעסטוועגען קען מען בשום אופן ניט בעהאַלטען דעם פֿאַקט גופא, אַז עס קומט פֿאָר אַ פּראָצעס. די אונטערזוכונג ווערט שוין ניט געפיהרט אין די „הינטערשטע חדרים" אָהן וועלכע עס איז פּראָצעס-פֿאַרמען, און מען קען בשום אופן ניט אָבנעהמען יענע געזעצליכע בעוואָרענעש ביי דער אונטערזוכונג, וועלכע עס האָבען גנבים, גזלנים, פֿאַלשע מטבעות-מאַכער. נאָר ווען די נאָכפֿאָרשונג ווערט אפילו פֿריהער געפֿיהרט דורך די זשאַנדאַרמען און ערשט נאָכדעם שטעלט מען די פֿערברעכער פֿאַר'ן געריכט, מוז מען דאָך זיי פֿאָרט איבערגעבען

ברייננגען אַ גרויסע „פּעולה". אָט האָט מען נאָך אין דער אַמאָליגער גוטער צייט אויפֿגעהאַנגען דעם סטודענט ראַזאָווסקי בלויז פֿאַר קלעפּען פּראָקלאַמאַציעס; אָט האָט מען דאָך בעשטראָפֿט מיט'ן טויט דעם לעהרער פֿון אירקוט. גימנאַזיע נעאוסטראָיעוו, דערפֿאַר, וואָס ער האָט געגעבען אַ פּאַטש דעם אירקוטסקען גענעראַל-גובערנאַטאָר אַנוטשין, און וואָס איז שייך צו קאַטאָרגע פֿאַר גאַנץ אונבעדייטענדע פֿערברעכען, האָט נאָך פלעווע ניט פֿערגעסען די מאַסען פסקים פֿון פֿריהערדיגע יאָהרען. אָט די דאָלגושינצעס האָט מען פֿאַר'ן דרוקען און פֿערשפּרייטען אַ 3-2 בלעטלעך מכבד געווען מיט 10-5 יאָהר קאַטאָרגע. די אַנטיילנעהמער פֿון דער דעמאָנסטראַציע אויף'ן קאַזאַנסקען פּלאַץ (1876), וועלכע מען האָט פֿערכאַפּט מיט געוועהר אין האַנד, האָט מען געגעבען צו 10-15 יאָהר קאַטאָרגע. אַ סך פּראָפּאַגאַנדיסטען (אין די פּראָצעסען פֿון 50, 193 און אַנדערע) האָבען בעקומען ביז צו 10 יאָהר קאַטאָרגע. די אַקושערין אַלעקסאַנדריאַ בוטאָווסקאַיאַ האָט געכאַפּט, נאָר פֿאַר איבערגעבען אַ'ן אַרבייטער דעם ביכעל „ביטראַיאַ מעכאַניקאַ", 4 יאָהר קאַטאָרגע!

דעם בעשולדיגונגס-אַקט, לאָזען זיי די מעגליכקייט בעקאַנט צו ווערען מיט דער גאַנצער „דיעלע". די רעוואָלוציאָנערען וועלען אויף אַזאַ אופן דערגעהען, וואָס פֿאַר אַ בעווייזען עס זיינען דאָ געגען זיי, ווער וואָס עס האָט גערעדט אויף די פֿערהערען, זיי קענען ממילא אָבלייקענען, אויס׳טענה׳ן זיך, אויפֿווייזען עולות געגען זיי... אַזוי ווי די הויפּט-עדות געגען די בעשולדיגטע זיינען די שפּיאָנען, וועלען זיי מוזען אויפֿטרע-טען בתירת „עדות" אויך אין געריכטס-הויז, און דאָס האָט אין זיך צוויי חסרונות: ערשטענס, איז דאָס אַ חרפּה פֿאַר די ריכטער, און צווייטענס, וועט מען וויסען, ווער עס זיינען די שפּיאָנען, וועלכע דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט זעהט צו בעהאַלטען פֿון אַ פֿרעמדען אויג. איהם ווילט זיך בשום אופן ניט, אַז די צורות, די נעמען און די פֿאַמיליעס פֿון זיינע נוציגע מיטאַרבייטער זאָלען בעקאַנט ווערען פֿרעמדע מענשען. דערצו איז דאָ נאָך אַ מכה ביי די געריכטס-פּראָצעסען: די אַדוואָקאַ-טען, מענשען אונרוהיגע, ניט אַלע מאָל בשר׳ע, וואָס האַלטען פֿייער-דיגע רעדעס פֿאַר זייערע קליענטען, פֿאַלען אָן אָפֿטמאָל אויף די איצ-טיגע אָרדנונג ניט ערגער, ווי עכטע רעוואָלוציאָנערען. ענדליך, האַל-טען די אָנגעקלאָגטע גופא פֿייערדיגע רעדעס אין געריכטס-הויז, און הגם דער משפּט קומט פֿאָר ביי פֿערמאַכטע טירען, נאָר די רעדעס פֿון די אָנגעקלאָגטע ווערען אָבגעדרוקט אין איינעם מיט די פּראָטאָקאָלען פֿון משפּט אין דער אונלעגאַלער פּרעסע, ווערען נאָכדעם איבערגע-דרוקט אין צעהנדליגער טויזענדער עקזעמפּלאַרען, געהען אַרום פֿון איי-נעם צום אַנדערען און דיענען פֿאַר אַ טייערען אַגיטאַציאָנס-מאַטעריאַל. געוויס, אַזוינע רעדעס, ווי לאַססאַל׳ס, קענען ניט פֿאָרקומען ביי אונ-זערע רוסישע בעדינגונגען, נאָר פֿונדעסטוועגען האָבען די רעדעס פֿון זשעליאַבאָוו, פּעטער אַלעקסעיעוו און באַרדינאַ בעקו-מען אַ גרויסען שם און האָבען אַרויסגערופֿען ביי אַ סך מענשען פֿייער-דיגע בעגייסטערונג. פֿאַר דער לעצטער צייט זיינען פֿערשפּרייט געוואָרען אין צעהנדליגער טויזענדער עקזעמפּלאַרען די רעדעס פֿון זאַלאָמאָוו, סאַמולין, וואָיוואָדין, מאָיסעיעוו, גאָלדמאַן און אַנדערע.

די „געזעלשאַפֿט", דערהערענדיג, אַז עס דאַרף פֿאָרקומען אַ פּאָ-ליטישער פּראָצעס, הויבט אָן שטאַרק צו אינטערעסירען זיך דערמיט, ווערט אויפֿגערעגט, דער עולם קלייבט זיך אַרום געריכטס-הויז, די קאָ-מיטעטען בעקומען דורך דעם די מעגליכקייט צו פֿיהרען אַ ברייטע אַגיטאַציע, צו קלייבען געלד. אין דעם טאָג, ווען מען האָט גע׳משפּט אין טאַגאַנראָג די ראָסטאָווער דעמאָנסטראַנטען, האָבען 600 אַר-בייטער געוואָרפֿען די אַרבייט; די אויפֿרעגונג איז איבערגעגאַנגען אפילו

אין טולע, וואו מען האָט זיך געפּרואווט צו מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע, כדי אויסצודריקען מיטגעפיהל מיט די אָנגעקלאָגטע. „אין ניזשני-נאָוו-גאָראָד—ווערליג מען האָט געשריבען אין „איסקראַ"—האָט מען זעהר אַ סך גערעדט וועגען פּראָצעס, לכל הפּחות, אין די אינטעליגענטע קרייזען האָט מען גערעדט נאָר וועגען דעם. אויך אויף די קאָנקעס, אויף די גאַסען, איבערהויפּט אין די טעג פֿון דעם משפּט (4 טעג) האָט מען געהערט אַ סך ריידענדיג וועגען דיזען פֿאַקט. עס פֿערשטעהט זיך, אַז אַלע האָבען מיטגעפֿיהלט די אַרעסטירטע. אין אַ סך ערטער האָט מען געקליבען געלד דורך לאָטערייען, גלאַט נדבות. דערינען האָבען אויך אַ'ן אַנטייל גענומען אַזוינע מענשען, וועלכע זיינען לויט זייער געזעלשאַפֿטליכער לאַגע קיין שום מחותנים ניט מיט פּראָטעסטען און דעמאָנסטראַציעס. די אייגענע שטימונג איז געווען אין סאַראַ-טאָוו, בעת מען האָט גע'משפּט די סאַראַטאָווער דעמאָנסטראַנטען, אין ווילנע, בעת'ן מיליטער-געריכט איבער לעקערט'ן, און אין קאָוונע א. ז. וו.

דערצו דאַרף מען ניט פֿערגעסען, אַז די ריכטער, ווי אינטערעסהעניג זיי זאָלען ניט פֿאָלגען די בעפֿעהלען פֿון אויבען-אָן, מוזען דאָך זיך רעכענען מיט די עלעמענטאַרע פֿאָדערונגען פֿון די געזעצען און קענען ניט פֿער'משפּט'ן אַ מענשען אָהן שום בעווייזען, נאָר אויף'ן גרונד פֿון פֿערשפּיצטע סברות פֿון די זשאַנדאַרמען אָדער פֿון זייער איבערצייגונג. וואָס וועט זיין דער פּועל-יוצא דערפֿון? אַ סך מענשען וועט מען מוזען אַרויסלאָזען פֿריי; אָבער ביים אַדמיניסטראַטיווען סדר זיינען ניטאָ קיין שום מניעות אויף צו בעשטראָפֿען, וועמען מען וויל.

אָט, דאָס זיינען וואַהרשיינליך געווען די טעמים, פֿאַר וואָס דעם יוסטיץ-מיניסטער האָט זיך בעסער געוועלט בלייבען ביים אַלטען סדר פֿון אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, אויף צו קעמפֿען געגען דער „קראַמאָלע".

עס איז געווען בלא ספק נאָך איין טעם, פֿאַר וואָס דער יוסטיץ-מיניסטער האָט זיך געוועהרט געגען פּלעווע'ס פּלאַן: ער האָט ניט געוועלט, אַז די געריכטס-הייזער זאָלען ווערען אַ שפּיעלצייג ביי פּלע-ווע'ן אין די הענד, ד. ה. אַז אַ פֿרעמדער מיניסטעריום זאָל זיך מישען אין זיין אייגענעם.

פֿונדעסטוועגען האָט זיך פּלעווע געהאַלטען ביי זיינס, און כדי צו בעווייזען, אז ער איז גערעכט, האָט ער געקענט אַזוי טענה'ן:

אמת, עס איז טאַקי ניט גוט אָנצומאַכען אַ רעש, נאָר ערשטענס, האָט די „קראַמאָלע" איצט אַזוי אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַז מען קען איהר סיי ווי סיי בשום אופן ניט פֿערשווייגען. די רעגירונג אַליין מוז, ניט װעלענדיג, כדי צו פֿערמיידען פֿאַלשע ידיעות און ליגענס, דרוקען

אין איהר אָפיציעלען אָרגאַן און אין אייניגע אויסלענדישע צייטונגען, וועלכע מען קען קויפען פאַר די מטבעה, די „אמת׳ע“ בעשרייבונג פון אונאַנגענעהמע פאַסירונגען, בעריכטען וועגען שטרייקען, דעמאָנ־סטראַציעס, וועגען סטודענטען־ און בויערען־אונרוהען, וועגען טעראָ־ריסטישע אַקטען וכדומה. עס קומט ממילא אויס, אַז די אַלטע סיסטעם צו האַלטען בסוד אַלע מעשים, וועלכע די רעגירונג טהוט אָב געגען די רעוואָלוציאָנערען, האָט איצט קיין ממשות ניט. און דאָס, וואָס מען מיינט, אַז די פּאָליטישע פּראָצעסען צורודערען דעם עולם, איז דאָס אמת נאָר וועגען די ערשטע פּראָצעסען, וועלכע ווערען, ווי יעדע נייס, אויפגעגען איהם. אָבער ווען זיי וועלען ווערען אַ געוועהנליכע ערשיי־נונג, וואָס קומט פאָר טאָג טעגליך, וועט מען צוגעוועהנט און אָבגעקיהלט ווערען—מען וועט געהען פערביי זיי און קיינער וועט אפילו אין יענעם זייט ניט אַ קוק טהאָן. אָט, האָט זיך דאָך דער עולם צוגע־וועהנט צו די זשאַנדאַרמען און צו די פערשיקונגען. ווייטער, געגען די אַגיטאַציאָנס־רעדעס איז דאָ אַ גוטער מיטעל — הייסען די פּאָרזיצענדע פון געריכט איבערשלאָגען און ניט לאָזען ריידען. און די רעדעס גופא, ווי באַלד עס וועלען פאָרקומען אָפטע פּראָצעסען, וועלען מאוס ווערען, וועלען ווערען עהנליך איינע צו די אַנדערע, ווי איין קיילעכדיגע איי אויף די אַנדערע, און וועלען אויך פערלירען זייער אַגיטאַציאָנס־בע־דייטונג און זייער גאַנצען חן. די אַדוואָקאַטען קען מען אָנסטראַשען, און די, וואָס וועלען פאָרט ניט מורא האָבען, קען מען פערוועהרען די פּראַקטיק, אָדער פערשיקען ערגעץ אין די ווייטע מקומות, אָדער אַרעס־טירען פאַר׳ן פּראָצעס אונטער דעם אויס־רייד, אַז זיי זיינען פערמישט אין פּאָליטישע זאַכען (צוויי אַדוואָקאַטען האָט מען אויף אַזאַ אופן אַרעסטירט אין אוּפאַ, איידער עס האָט געזאָלט פאָרקומען דער פּראָצעס פון די זלאַטאָאוּסטער אַרבייטער). וועגען יענע, וועלכע די ריכטער וועלען מוזען אַרויסלאָזען, ווייל עס וועט פעהלען בעווייזען געגען זיי, איז אויך ניטאָ וואָס צו דאגה׳ען, ווייל וואָס קען אָבהאַלטען פּלעווע׳ן אויף מאָרגען נאָך׳ן משפט צו אַרעסטירען זיי און אָבטהאָן זיי זייער רעכט אויף׳ן אַדמיניסטראַטיווען וועג? דאָס האָט מען דאָך געטהאָן אין די אַמאָליגע גוטע אַלטע צייטען (צ. ב. ביים פּראָצעס פון די 193), דאָס טהוט מען איצט אויך (אַזוי צ. ב. האָט מען זיך בעגאַנ־גען מיט אַלע 7 קאָוונער דעמאָנסטראַנטען, וועלכע זיינען אַרויס ביים משפט פריי און וועלכע מען האָט פונדעסטוועגען פערשיקט אויף 4 יאָהר סיביר). בנוגע צו די שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרען, איז טאקי אונבעקוועם אַרויסשטעלען זיי ביים פּראָצעס, נאָר דאָס איז גלאַט אַ׳ן איבעריגע זאַך. זיי קענען ניט קומען צום משפט, עס פערשטעהט זיך,

אונטער דעם אויסרייד פֿון „וויכטיגע סבות" אין די עדות פֿון דיזע „שיינע
לייט": „בויערען", „מעששטשאַנעס", וואָס זיי האָבען געזאָגט ביי דער
פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג, קען מען פֿ אָ ר ל ע ז ע ן ביים משפט (אַזוי
איז געווען צ. ב. ביים פראָצעס פֿון די ראָסטאָווער דעמאָנסטראַנטען).
נאָר צוליעב דעם כבוד פֿון דיזע חשוב׳ע לייט, פֿון די שפּיאָנען און
פראָוואָקאַטאָרען, און טאַקי נאָר צוליעב זייער כבוד אַליין, איז פּלע-
ווע מסכים אַ ביסעל נאָכצוגעבען, מקריב צו זיין מיט זיין תאוה צו קאַ-
טאָרזשנע פסקים, און איבערצוגעבען אין געריכטס-הויז נאָר אַזוינע
משפּטים, וואו מען קען אויפֿווייזען דעם חטא מיט זאַכליכע ראיות אָדער
וואו עס זיינען דאָ אַזוינע עדות, וועלכע מען קען טרויען מעהר ווי
שפּיאָנען און פראָוואָקאַטאָרען. נאָר וואו מען וועט שוין יע קענען אי-
בערגעבען צו די ריכטער אין די הענד, זאָל מען שוין ניט אויסקלייבען
צווישען גרויסע און קליינע פֿערברעכען; מען זאָל משפּט׳ן אַלעמען,
סיי דעמאָנסטראַנטען, סיי די, וואָס מען האָט געכאַפּט ביים פֿערשפּריי-
טען פּראָקלאַמאַציעס, סיי אַרעסטירטע מיט ליטעראַטור, סיי די שריפֿט-
זעצער פֿון די אונלעגאַלע דרוקערייען, סיי פּראָפּאַגאַנדיסטען. דער בריה
פּלעווע האָט געוועהנליך אויסגעפֿיהרט זיינס* און פֿאַר דער לעצטער

---

* אַ פּנים, אַז דער סכסוך צווישען פּלעווע און מוראַוויאָוו
איז אויך איבערגעגאַנגען אויף די נידעריגערע אינסטאַנציעס. אין קאָוו-
נע האָט מען פֿערנומען אויף דער אויבענדערמאָנטער דעמאָנסטראַציע
(אין טעאַטער 1903 27 מאַן. די זשאַנדאַרמען האָבען געוועלט, אַז
מען זאָל זיי אַלעמען איבערגעבען אין די הענד פֿון געריכט; די פּראָ-
קוראַטור האָט, פֿערקעהרט, געוועלט, מען זאָל זיי אָב׳פּטר׳ן אויף׳ן
אַדמיניסטראַטיווען וועג. מען האָט אָבגעמאַכט צווישען זיך אַ פּשרה:
זיבען מענשען האָט מען גע׳משפּט נאָך׳ן פּאַראַגראַף 271 (מען האָט
זיי בעשולדיגט, אַז זיי האָבען געהאַט בדעה אַראָבצוואַרפֿען דעם
פּאָמאָשטשניק פּאָליצמייסטער אונטען, אין פּאַרטער) און מען האָט זיי
איבערגעגעבען דער ווילנער סידעבנער פּאַלאַטע. די אַנדערע האָט מען
געגעבען אַדמיניסטראַטיווע פּסקים. אַז די פּאַלאַטע האָט אַלע 7 אָנ-
געקלאָגטע געפֿונען פֿאַר אונשולדיג (דער משפּט איז געווען דעם 5
נאָוועמבער), ווייל דאָס איז געווען אין גאַנצען אַ בלבול, וועלכען מען
האָט ניט געקענט בעווייזען (זעה די ביילאַגע „דער פּראָצעס פֿון די
קאָוונער דעמאָנסטראַנטען"), האָט מען ווייניגער ווי אין 2 וואָכען אַרום
(דעם 18 נאָוועמבער) פֿערשיקט אַדמיניסטראַטיוו אַלעמען אין סיביר
צו 4 יאָהר.—די טענות פֿון פּלעווע און מוראַוויאָו, וועלכע
מיר ברייגען אין טעקסט, שטעלען מיר זיך נאָר פֿאָר.

צייט הערען מיר אַלע ווײלע, אַז מען האָט איבערגעגעבען מענשען צום געריכט פֿאַר אַזעלכע קלייניגקייטען, פֿאַר וועלכע מען פֿלעגט פֿריהער, מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, כאַפּען 6 חדשים געפֿענגנים אָדער גאָר אָב־קומען מיט פּאָליציי־אױפֿזיכט.

מיר ברײנגען דאָ אַ רייסטער פֿון פּאָליטישע פּראָצעסען פֿאַר די ערשטע יאָהרען פֿון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט; אין דיזען רייסטער פֿעהלען נאָך אַ סך פּראָצעסען.

א. טעראָריסטישע אַקטען.

No	די פּראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפט איז געווען	דער פּסק
1,2	פּ. פּ. ס. משפט פֿון יעזעראָװסקי און אַנד. פֿאַר ערמאָרדען אַ שפּיאָן.	1900	װאַרשאַו מילי־טער־געריכט.	טויט־שטראָף, פֿער־ביטען אויף קאַטאָר־גע—20 יאָהר.
3	קאַרפּאָװיטש, גע־הרג׳עט באָגאָלע־פּאָוו׳ן.	1901	פּעטערב. סוד, פּאַלאַטע.	קאַטאָרגע 20 יאָהר.
4	לאַגאָווסקי, אַטענ־טאַט אויף פּאָביעדאָ־נאָסצעוו׳ן.	"	" "	קאַטאָרגע 6 יאָהר.
5	יערגין, גע׳הרג׳עט קאַלאַשניקאָוו׳ן.	1901	יאַקוטסקער אָק־רוזשנאָי סוד.	אַרעסטאַנטסקע ראָ־טעס 4 יאָהר.
6	באָלמאַשאָוו, גע־הרג׳עט סיפּיאַגין׳ען.	1902	פּעטערב. מיר־טער־געריכט.	אויפֿגעהאַנגען.
7	לעקערט, אַטענטאַט אויף װאַל׳ן.	"	װילנער מיליט. געריכט.	אויפֿגעהאַנגען.
8	קאַטשוראַ, אַטענט. אויף אָבאָלענסקי.	1902	כאַרקאָװער מי־ליטער־געריכט.	טויט־שטר., פֿערבי־טען—אייביגע קאַט.

No	די פּראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפּט איז געווען	דער פּסק
9	פּרומקינאַ, אַטענט, אויף נאָוויצקי.	1903	קיעווער סודעב. פּאַלאַטע.	קאַטאָרגע — 11 י.
10	דראַגונסקי אין סלוצק אָנריידען צו הרג׳ע־נען אַ שפּיאָן, 4 מאַן גע׳משפּט זיך.	1904	מינסקער אָקרוז. סוד מיט פרים. זאסעדאַטעלעס.	אַרויס ריין.
11	גערשוני, מעלניקאָוו, גריגאָריעוו (ס״ה 15 מאַן).	1904	פּעטערבורג. מי־ליטער־געריכט.	דרייען פּער׳משפט אויף טויט, פערבי־טען אויף קאַטאָרגע.
12	מינסקי, דער׳הרג׳עט דעם אָפּיציר פּון קאָנ־וואָי ניט ווייט פון נאָכטויסק (סיביר).	1904		

ב. ווערען זיך געגען דער פּאָליציי.

No	די פּראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפּט איז געווען	דער פּסק
1	מאַקסוועל׳ס פּאַבריק	1900	פּעטערב. סוד. פּאַלאַטע.	
2	די אָבוכאָווצעס.	1901	〃 〃	
3	בלודאָוו׳ס פּאַבריק, אין ריאַזאַנער גוב., 11 מאַן.	1903	מאָסקווער סוד. פּאַלאַטע.	6 — צו 8 חדשים טורמע; 1—4 חדש, 2—צו 2, חדש.
4	פינסק, געווערט זיך געגען דער פּאָליציי.	1903	מינסקער סוד. פּאַלאַטע.	2—אַרעסט. ראָטעס צו 1½ י.; 1—1 י. טורמע; 3—8 חדש. 5—אַרויס ריין.

No	די פּראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפּט איז געווען	דער פּסק
5	די אונרוהען אין ראַ-טאָאוסט.	1903	די איפּימער סוד, פּאַלאַטע.	
6	יעקאַטערינאָדאַר, וועגען זאָלאָטאָוואַ.	"	אָקרוזשנאָי סוד.	3—צו 1 חדש טור-מע; די איבעריגע—אַרויס ריין.
7	עריוואַן, 27 אַרמע-נער.	"	עריוואַנער אָק-רוזשנאָי סוד.	10 — צו 8 חדשים טורמע; 3—4 חדש. 15—אַרויס ריין.
8	באַקו.	1903		
9	17 אַרמענער אין דאָרף קאַנאַרגו.	1904		1—2 י. אַרעסט, ראָ-טעס; 2—2 י. מיט 8 חדשים אַרעס, ראָ-טעס; 3—1½ י, טור-מע; 11—2½ יאָהר.
10	דריי אַרמענער אין דאָרף אַשטאַראַק	"		6 חדשים טורמע.
11	שושאַ, 4 אַרמענער.	"		1—8 חדש. טורמע; די איבעריגע—ריין.
12	יעליזאַוועטפּאָל, 45 אַרמענער.	1904	יעליז. אָקרוזש. סוד.	23—ריין; די איבע-ריגע — טורמע און אַרעסט אויף אַ קור-צע צייט.
13	יאַקוטסקער פּראָצעס 59 מאַן.	"	יאַקוט. אָקרוזש. סוד.	55—12 י. קאַטאָרג.; 1—1 י. אַרעס, ראַט. 3—ריין.

ג. דעמאָנסטראַציעס.

No	די פראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפט איז געווען	דער פסק
1	ניזשני-נאָווגאָראָדער דעמאָנסט, 9 מאַן.	1902	מאָסקוועער סוד, פּאַלאַטע.	אויף אויביג פּערשיקט.
2	די סאָרמאָווער דעמאָנסטראַציע.	〃	〃 〃	〃 〃
3	די סאַראַטאָוועער דעמאָנסטר, 15 מאַן.	〃	סאַראַטאָוועער סוּדעב, פּאַלאַטע.	〃 〃
4	די קאָוונער דעמאָנ, 7 מאַן.	1903	ווילנער סודעב, פּאַלאַטע.	אַרויס ריין.
5	ראָסטאָווער דעמאָנ, 2 מערץ 1903.	〃	טאַגאַנראָגער מיליטער-געריכט.	3—צום טויט; פּערביטען דורך 10, 15, 10 יאָהר, קאַטאָרגע.

ד. דרוקעריען.

No	די פראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפט איז געווען	דער פסק
1	קישינעווער דרוקעריי פון „איסקראַ".	1903	אַדעסער סודעב, פּאַלאַטע.	פּערשיקט אויף אויביג.
2	קישינעווער דרוקעריי פּון „סאָצ.-רעוואָל."	1904	קיעווער סודעב, פּאַלאַטע.	〃 〃

ה. טראַנספּאָרט.

No	די פראָצעסען	יאָהר	וואו דער משפט איז געווען	דער פסק
1	שטיינבערג אין קאָווּנע.	1902	ווילנער סודעב, פּאַלאַטע.	3 יאָהר אַרעסטאַנט. ראָטעס.
2	נאַזאַריעוו.	1903	אַדעסער סודעב, פּאַלאַטע.	

ו. פּראָפּאַגאַנדע.

No	די פּראָצעסען	יאָהר	וואודער משפּט איז געווען	דער פּסק
1	דאַנילאָוו און קאַ-טשאַלאָוו אין צאַריצין	1902		
2	אָלשאַנסקי, גאָלד-בלאַט און אַנדערע.	1903	מאָסקוער מילי-טער געריכט.	2 — פֿערשיקט אויף אויביג; 1—8 חדש. טורמע; 1—4 חדש.

ז. פֿערשפּרייטען פּראָקלאַמאַציעס.

No	די פּראָצעסען	יאָהר	וואודער משפּט איז געווען	דער פּסק
1	דעניסאָוו, טימאַשאָוו און סילוועסטראָוו אין סאַראַטאָוו.	1902	סאַראַטאָווער סו-דעב. פּאַלאַטע.	
2	כאַריטאָן סאָסניוק אין יעליסאַוועטגראַד.	1903	סוד. פּאַלאַטע.	2 יאָהר 6 חדשים קאַטאָרגע.

מיר האָבען בסך הכל אויסגערעכענט אין אונזער רייסטער, אין וועלכען עס פֿעהלט נאָך אַ סך, 38 פּראָצעסען, וועלכע מיר האָבען צוטיילט אויף 7 קאַטעגאָריעס. די ערשטע 2 קאַטעגאָריעס, הגם זיי בילדען דעם רוב (66 %), אינטערעסירען אונז אין דיזען המשך ניט, מחמת פֿאַר טעראָריסטישע אַקטען און וועהרען זיך געגען דער פּאָליציי פֿלעגט די רעגירונג פֿריהער אויך איבערגעבען צום געריכט. פֿאַר די לעצטע 5 קאַטעגאָריעס, וועלכע בילדען אַ שטאַרקען דריטעל פֿון די נייסטע פּראָצעסען, פֿלעגט מען פֿריהער, פֿאַר פּ ר ע ו ו ע'ן, משפּט'ן אויף'ן אַדמיניסטראַטיווען סדר, און איצט זיינען זיי איבער אין געריכטס-הויז. נאָר פֿונדעסטוועגען איז דאָך אַ גרויסער חדוש, פֿאַר וואָס עס זיינען געווען אַזוי ווייניג פּראָצעסען פֿון די 5 קאַטעגאָריעס. אין דער אמת'ן האָט מען אַרעסטירט מענשען מיט ליטעראַטור, ביים פֿערשפּריי-טען פּראָקלאַמאַציעס, ביי דרוקערייען צעהנדליגער מאָל מעהר, איידער עס איז דאָ אויסגערעכענט. פֿאַר וואָס האָט מען אַנדערע דעמאָנסטראַנ-טען גע'משפּט אין געריכטס-הויז, און אַנדערע פֿערשיקט אין ס י ב י ר אויף'ן אַדמיניסטראַטיווען וועג? פֿאַר וואָס נ א ז א ר י ע ו ו'ן, וועלכען

מען האָט געכאַפּט איף׳ן גרענעץ מיט ליטעראַטור, אָדער שטיינבערג׳ן, וועלכען מען האָט אַרעסטירט איף׳ן קאָוונער וואָקזאַל מיט ליטעראַטור — פֿאַר וואָס גיט מען זיי איבער צום געריכט, און קודרין, טאַלאַנאָוו, לעווינסאָן, וויינשטיין, דאַרגאָלין און אַ סך אַנדערע, וועלכע מען האָט געכאַפּט איף׳ן גרענעץ מיט „אותות ומופתים״ אין האַנד, זיינען פֿערשיקט געוואָרען אַדמיניסטראַטיוו? דערויף בלייבט נאָר צוקוועטשען מיט די פּלייצעס. אויך איז העכסט אינטערעסאַנט, וואָס אַ היבשער פּראָצענט געהט אַרויס ריין פֿון געריכט אָדער בעקומט לפי ערך קליינע פּסקים. די צייט וועט אונז וויזען, אויף וואָס פֿאַר אַ וועג די רעגירונג וועט זיך אָבשטעלען, דערווייל זעהט מען ניט קיין בעשטימטע סיסטעם און סדר. על כל פנים, דערווייל איז ניט מקוים געוואָרען די השערה פֿון „איסקראַ״, וועלכע זי האָט אַרויסגעזאָגט וועגען דעם ניזשני-נאָווגאָראָדער משפּט איבער די דעמאָנסטראַנטען. „ווי באַלד די רעגירונג — האָט געשריבען די רעדאַקציע פֿון „איסקראַ״ אין דער הקדמה צו דער בראָשור „די דעמאָנסטראַנטען פֿאַר׳ן געריכט״ — האָט ביי זיך פּועל געווען אָפֿען מודיע צו זיין דעם עולם וועגען די פֿאָרקומענדע דעמאָנסטראַציעס און וועגען דער ראָלע פֿון דער אַגיטאַציע אין די אַרבייטער- און בויערען-אונרוהען, האָט זי דערמיט פֿערלאָרען איינעם פֿון די הויפּט-טעמים אָבצוזאָגען זיך פֿון יענע מיטלען אויף נקמה צו נעהמען פֿון איהרע געפֿאַנגענע שונאים, וועלכע עס גיבען אונזערע געזעצען וועגען פּאָליטישע „פֿערברעכען״ און וועלכע מען קען ניט פֿערבייטען דורך אַדמיניסטראַטיווע פּסקים״. מיר זעהען, אַז בענוגענען זיך נאָר מיט אַזאַ ערקלערונג איז אונמעגליך. פֿון איין זייט האָט די רעגירונג ניט געוועלט מאַכען קיין פּראָצעסען פֿון אַ סך טומעלדיגע דעמאָנסטראַציעס אין וואַרשאַו, ווילנע, ביאַליסטאָק און אַנדערע; פֿון דער אַנדער זייט גיט זי איבער צום געריכט נאַזאַריעוו׳ן, וועלכען מען האָט געכאַפּט ביי נאַכט ביים איבערגעהען דעם גרענעץ, דעניסאָוו׳ן, טימאַשאָוו׳ן און סילוועסטראָוו׳ן, וועלכע מען האָט אַרעסטירט ביי נאַכט ביים פֿאַנאַנדערקלעפּען פּראָקלאַמאַציעס, ד. ה. אַזוינע מענשען, וועלכע האָבען אָבגעטהאָן גאַנץ געוועהנליכע „חטאים״ און דערצו נאָך שטילערהייט, און פֿון וועלכע דער ברייטער עולם וואָלט ניט וויסען, ווען מען וואָלט זיי ניט געהאַט איבערגעגעבען צום געריכט.

————

II. די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג און די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג. ווי דאַרף מען זיך האַלטען ביים פֿערהער?

הגם פֿאַר יעדען געוועהנליכען געריכטס-פּראָצעס קומט פֿריהער פֿאָר אַ געריכטליכע אונטערזוכונג, וועלכע דער געריכטס-פֿאָרשער (סודעבני סלעדאָוואַטעל) מאַכט, נאָר פֿונדעסטוועגען געהט עס ביי פּאָליטישע פּראָצעסען גאַנץ אָפֿט אַנדערש צו: די ריכטער בענוגענען זיך מיט דער נאָכפֿאָרשונג, וועלכע די זשאַנדאַרמען האָבען געמאַכט. די מעשה דערפֿון איז אַזאַ, וואָס כמעט אַלע פּאָליטישע „פֿערברעכען" געהען פֿריהער דורך די הענד פֿון די זשאַנדאַרמען, און אַז די נאָכפֿאָרשונג איז שוין פֿאַרטיג, דערגעהען אָפֿט די אַרעסטירטע גאָר אונגעריכטערהייט, אַז מען גיט זיי איבער צום געריכט,—דאָס ווענדט זיך דערפֿון, ווי מען הייסט „אויבען-אָן". אַזוי איז דוכט זיך געוועזען מיט אַלע פּראָצעסען פֿון די לעצטע יאָהרען, וועלכע מיר האָבען אויסגערעכענט, אויסער די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס.

צו איז דאָ אַ נפקא מינה צווישען דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג און דער זשאַנדאַרמישער נאָכפֿאָרשונג? כדי צו ענטפֿערען אויף דיזע פֿראַגע, וועלען מיר פֿערגלייכען איינע מיט דער אַנדערער. דער חילוק איז אַזוי גרויס, אַז צוקוקענדיג זיך צו איהם, בעקומט מען דעם איינדרוק, אַז די תקנות וועגען דער זשאַנדאַרמישער נאָכפֿאָרשונג זיינען געמאַכט געוואָרען אויף אַ גאַנץ פּראָסטען אופן: מען האָט פּשוט אויסגעמעקט אַלע פּאַראַגראַפֿען, וואָס זיינען נוגע צו דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג, אָדער, וואו עס איז פֿריהער געשטאַנען אַ פּלוס, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ מינוס.

די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג.

די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג איז דער איינציגער מקור, אויף וועלכען עס ווערט געגרינדעט דער פּסק, וועלכער ווערט אַרויסגעגעבען ניט נאָר אָהן שום טענות פֿון די צדדים, נאָר אפילו הינטער אַרום

די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג.

די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג האָט ניט קיין שום זעלבסטשטענדיגע בעדייטונג, און איהר ציעל איז נאָר פֿאָרצובערייטען מאַטעריאַל פֿאַר דעם בעשולדיגונגס-אַקט. ווי מען האָט איבערגעלייענט

די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג.

פֿון דעם בעשולדיגטען, אָהן זיין אַנטייל און אָהן זיין ידיעה.

דער אַרעסטירטער האָט ניט דעם קלענסטען קאָנטראָל איבער דער זשאַנדאַרמישער נאָכפֿאָרשונג:

א) ניט נאָר וואָס ער האָט ניט דעם רעכט צו זיין ביים פֿערהער פֿון די „עדות", נאָר מען האַלט פֿאַר איהם אין דעם גרעסטען סוד די נעמען פֿון די אַנדערע אָנגעקלאָגטע, ווי אויך פֿון די עדות.

ב) דעם בעשולדיגטען ווייזט מען ניט, ניט די פראָטאָקאָלען פֿון פֿערהער, ניט די אַנדערע אָנגעקלאָגטע,

די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג.

דיזען אַקט ביים געריכט, ענדיגט זיך די ראָלע פֿון דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג, און עס הויבען זיך אָן די טענות בעל-פה און די וכוחים פֿון די צדדים, און נאָר אָן זיי ווענדט זיך דער פסק ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען (ד. ה. ווען די ריכטער האָבען ניט קיין בעשטימטען בעפֿעהל פֿון „אויבען-אָן").

דער בעשולדיגטער קען שטענדיג און כסדר האָבען אַ קאָנטראָל איבער דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג:

א) ער קען זיין ביים פֿערהער פֿון די עדות (די סטאַטוטען וועגען דער געריכטס-פֿיהרונג ביי קרימינאַל-פֿערברעכען, אַבטיילונג II, אַרטיקלען 446, 468, 469*).

ב) ווען ער האָט זיך ניט בענוצט מיט זיין רעכט צו זיין ביים פֿערהער פֿון די עדות, קען ער צו יע-

---

* אַרטיקעל 446: „די עדות ווערען אויסגעפֿאָרשט איינציגווייז, און ווען דאָס זאָל נויטיג זיין, קען מען זיי פֿריהער אויסהערען אונטער די אויגען פֿון דעם אָנגעקלאָגטען און פֿון אַלע מענשען, וואָס האָבען אַ שייכות צום פּראָצעס".

אַרטיקעל 468: „דער פּראָטאָקאָל דאַרף זיין אָנגעשריבען אַזוי, אַז מען זאָל קענען פֿון איהם זעהען דייטליך... וואָס פֿאַר אַ בעמערקונגען און אָבפֿרעגען עס האָבען געמאַכט יענע מענשען, וואָס זיינען שייך צו איהם".

אַרטיקעל 469: „אין פּראָטאָקאָל וועגען דעם פֿערהער דאַרף זיין אויסגעטייטשט: ... 3) די בעמערקונגען אָדער די אָבפֿרעגען, וועלכע דער אָנגעקלאָגטער האָט געמאַכט בעת'ן פֿערהער פֿון די עדות".

די זשאַנדאַרמישע נאָכפאָרשונג.

ניט די „עדות", ניט די בעווייזען פון די שפּיאָנען. מען האַלט אפילו ניט פאַר נויטיג צו זאָגען איהם, אין וואָס בעשטעהט זיין פערברעך און וואָס פאַר אַ בעווייזען עס זיינען דאָ געגען איהם. ער האָט ניט די מעגליכקייט, ניט אָבצולייקענען, ניט צו פּראָטעסטירען. ווען ביי די זשאַנדאַרמען פאַלט איין צו בעווייזען דעם אָנגעקלאָגטען די פּראָטאָקאָלען פון פעהרער, פון די חברים אָדער פון די עדות, איז דאָס רוב דאָ בעהאַלטען אַ פאַסטקע.

ג) ער קען ניט בעקומען קיין שום קאָפּיעס פון די פּראָטאָקאָלען און פון די בעשליסונגען.

ד) אַז עס ענדיגט זיך די נאָכפאָרשונג, איז מען דעם אָנגעקלאָגטען בלויז מודיע, אַז זיין „דיעלע" איז איבערגעגאַנגען צום פּראָקוראָר

די פאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג.

דער צייט פאָדערען, אַז מען זאָל איהם פאָרלעזען די פּראָטאָקאָלען פון פערהער און מאַכען זיינע בעמערקונגען (אַרטיקעל 448*).

אָט דיזע בעמערקונגען דאַרפען בעהאַנדעלט ווערען, ווען זיי האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער „דיעלע" (אַרט. 449**).

ג) ער קען בעקומען אַ קאָפּיע פון די פּראָטאָקאָלען און פון די בעשליסונגען (אַרט. 475***).

ד) נאָכדעם ווי די פאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג האָט זיך געענדיגט, האָט דער אָנגעקלאָגטער דעם רעכט בעקאַנט צו ווערען מיט דער

---

* אַרטיקעל 448: „דער פערהער פון די עדות, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען אונטער די אויגען פון דעם אָנגעקלאָגטען, ווערט איהם פאָרגעלעזען. דער אָנגעקלאָגטער האָט דעם רעכט אָבצולייקענען די בעווייזען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען געגען איהם, און בעטען דעם געריכטס-פאָרשער, ער זאָל פאָרלייגען די עדות נייע פראַגען".

** אַרטיקעל 449: „די פאַקטען, וועלכע דער אָנגעקלאָגטער ברייגגט אויף אָבצולייקענען די בעווייזען פון די עדות געגען איהם, מוזען אַרומגעפאָרשט ווערען, ווען זיי האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער „דיעלע".

*** אַרטיקעל 475: „איף די בקשה פון די מענשען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער „־יעלע", גיט זיי אַרויס דער געריכטס-פאָרשער קאָפּיעס פון די פּראָטאָקאָלען און בעשליסונגען, דעם אָנגעקלאָגטען אומזיסט, אַ פּריוואַטען אָנקלאָגער אָדער דעם, וואָס מאָנט פאַר אַ היזק —פאַר אַ בעשטימטע אָבצאָהלונג".

פֿון סודעבנע פּאַלאַטע, און פֿון איצט אָן שטעהט ער אונטער זיין רשות.

ה) אויף די מעשים פֿון דער זשאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע, קען מען אָנקלאָגען נאָר דעם פּראָקוראָר פֿון סודעבנע פּאַלאַטע, נאָר דיזע טענות ברייגגען דאָס רוב קיין פּעולה ניט און מען קוקט אויף זיי ניט.

גאַנצער „דיעלע״ (אַרט. 476*) און ווייטער מאַכען בעמערקונגען און אָבפֿרעגען (477**).

ה) דער בעשולדיגטער קען אָנקלאָגען די מעשים פֿון דעם געריכטס-פֿאָרשער (493, 494, 497, 498†), און די ריכטער זיינען מחויב ניט שפּעטער ווי ביי דער ערשטער זיצונג, צו בעשעפֿטיגען זיך מיט זיינע טענות (501††); דער אָנגעקלאָגטער קען ערקלעהרען די ריב

---

* אַרטיקעל 476: „נאָכדעם, ווי עס האָט זיך געענדיגט די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג, איז דער געריכטס-פֿאָרשער מחויב, ווען דער אָנגעקלאָגטער פֿערלאַנגט, פֿאָרצולעזען איהם אַלע בעווייזען געגען איהם און פֿרעגען דערביי, צו האָט ער ניט געפֿינען עפּעס אַ נייעס זכית אויף זיך״.

** אַרטיקעל 477: „ווען דער אָנגעקלאָגטער ברייגגט וועלכע עס איז נייע פֿאַקטען, איז דער געריכטס-פֿאָרשער מחויב, אויב זיי קענען האָבען אַ בעדייטונג פֿאַר דער „דיעלע״, צו דערגעהען, צו זיי זיינען ריכטיג״.

† אַרטיקעל 493: „טענות געגען די מעשים פֿון דער פּאָליציי קענען פֿאָרגעלייגט ווערען דעם פּראָקוראָר, און אויף די מעשים פֿון דעם געריכטס-פֿאָרשער, וועלכע ער האָט אָבגעטהאָן נאָך זיין אייגענעם רצון אָדער אויף די פֿאָדערונג פֿון דעם פּראָקוראָר, אָדער פֿון טאָוואַרישטש-פּראָקוראָר—דעם אָקרושנאָי סוד״.

אַרט. 494: „די טענות קענען פֿאָרגעלייגט ווערען נאָך איידער די „דיעלע״ איז איבערגעגאַנגען צום געריכט״.

אַרט. 497: „יעדע טענה מוז פֿאָרגעלייגט ווערען, אויף איבערצוגעבען וואוהין מען דאַרף, יענעם בעאַמטען, געגען וועמען די טענה איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען״.

אַרט. 498: „דער, וואָס גיט אָן די טענה, קען פֿאָדערען, אַז מען זאָל איהם אַרויסגעבען אַ התימה, אַז ער האָט איבערגעגעבען די טענה״.

†† אַרט. 501: „ווי די ריכטער בעקומען די טענה, זיינען זיי מחויב אין דעם ערשטען זיצונגס-טאָג אַרומקלעהרען איהר״.

די זשאַנדאַרמישע נאָכפאָרשונג.

די זשאַנדאַרמען האָבען נאָר אין דער לעצטער צייט—צוליעב דעם, וואָס עס קומט אַלײן עפּעטער פֿאָר, אַז די אָנגעקלאָגטע זאָגען זיך אָב פֿון צו געבען בעווייזונגען—אַנערקענט דיזען רעכט פֿון די אַרעסטירטע. פֿריהער פֿלעגען זיי אָנווענדען אַלערליי בעשטראָפֿונגען, כדי צו צוברעכען די עקשנות פֿון די אַרעסטירטע.

דער קאָנטראָל פֿון פּראָקוראָר איבער דער זשאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע איז מעהר ניט לפנים וועגען, ווייל עס איז ניטאָ קיין שום העכערער קאָנטראָל, ווי צ. ב. די אָפֿענטליכקייט, די אַריינמישונג פֿון די אַדוואָקאַטען, אויס׳טענה׳ן זיך ביים געריכט, אי די זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניע, אי דער פּראָקוראָר

די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג.

טער זיינע טענות בעל-פה (504*).

דער אָנגעקלאָגטער האָט דעם רעכט אָבצוזאָגען זיך פֿון צו געבען בעווייזונגען (פּאָקאַזאַניעס).

אויף אַלע מעשים פֿון געריכטס-פֿאָרשונג גיט אַכטונג דער פּראָקוראָר, און אויף איהם ליגט אויך די פֿעראַנטוואָרטליכקייט דערפֿאַר (510 512**), און דאָס איז ניט נאָר לפנים וועגען: דעם פּראָקוראָר קומט אויס ביים געריכט אונטערצוהאַלטען די בעשולדיגונג, און ווען זי זאָל גערינגערט ווערען אויף אַ שוואַכען

---

* אַרט. 504: „דער אָנקלאָגער האָט דעם רעכט צו ערקלעהרען ביים געריכט זיין טענה, אויב ער איז דאָ".

** אַרט. 510: „אַז דער פּראָקוראָר פֿון אָקרוזשנאָי סוד בעקומט די דאָקומענטען פֿון דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג, איז ער מחויב גוט אַרומצוזעהען, צי איז די אונטערזוכונג געמאַכט געוואָרען ווי געהעריג".

אַרט. 512: „אַז דער פּראָקוראָר זעהט, אַז די פֿאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרען ניט פֿאָלשטענדיג און מען קען צוליעב דעם ניט בעקומען קיין קלאָרע מיינונג וועגען דעם תוכן פֿון דער „דיעלע", האָט ער דעם רעכט צו פֿאָדערען, אַז מען זאָל געבען נאָך ידיעות, אָדער אַז מען זאָל נאָך מעהר אויספֿאָרשען די זאַך".

די פאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג.	די וושאַנדאַרמישע נאָכפאָרשונג.
אָדער פאַלשען יסוד, קען דער אָנגעקלאָגטער אַרויס ריין.	טהוען אַלץ אָב בשתיקה און שיקען אַוועק זייערע קליענטען אין די ווייטע מקומות. צווישען אייגענע מענשען איז גלייכער אויסצוקומען בשלום און ניט קריגען זיך פאַר יעדע נאַרישקייט.

אָט דאָס איז, בקיצור גערעדט, דער מורא'דיגער חילוק צווישען דער פאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג און צווישען דער וושאַנדאַרמישער נאָכפאָרשונג. דיזער חילוק קומט דערפון, וואָס די פאָרגעריכטליכע אונטערזוכונג איז דער נאָרמאַלער סדר, וועלכער האָט צו טהאָן מיט געוועהנליכע פערברעכען, ווי גנבה, גזילה, רציחה וכדומה, ד. ה. אַזוינע פערברעכען, וואו די רעגירונג איז ניט דער פעראינטערעסירטער צד. די וושאַנדאַרמישע נאָכפאָרשונג האָט צו טהאָן נאָר מיט פאָליטישע פערברעכען, וועלכע בעריהרען דירעקט די רעגירונג. און דער הערצאָג אַלבאַ, דער אכזריות'דיגער פערטרעטער פון דעם אכזריות'דיגען פיליפּ דעם שפאַניער, האָט אַזוי גע'טענה'ט: די שומרים פון געזעץ פער'משפט'ן נאָר פאַר אַזוינע פערברעכען, וועלכע זיינען דערוויזען געוואָרען, אָבער אייער מאַיעסטעט וויים דאָך, אַז די מלוכה-ענינים פיהרען זיך נאָך אַזוינע תקנות, וועלכע זיינען אויף אַ האָר ניט עהנליך אויף די געזעצען, וואָס זיי האָבען דאָ*.

* ביי מאָטלעי: די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין נידערלאַנד. עס קען איבערהויפּט זיין אינטערעסאַנט צו פערגלייכען די וושאַנדאַרמישע נאָכפאָרשונג און בכלל דעם אַדמיניסטראַטיווען סדר, מיט וועלכען עס פיהרען זיך פאָליטישע „דיעלעס", מיט דער אינקוויזיציע פון מיטעלאַלטער. „דיזער געריכט — זאָגט דער נאָר-וואָס ציטירטער מחבר — איז ניט געווען אָבהיינגיג פון קיין שום וועלטליכער רעגירונגס-מאַכט, האָט ניט דערלאָזען אויף זיך קיין שום געריכטליכען אויבערהאַר; דאָס איז געווען אַ געריכט, אויף וועלכען עס איז ניט געווען וואו צו קלאָגען זיך, וועלכער האָט געהאַט זיינע מוסרים אין יעדער פאַמיליע, וועלכער האָט געוואוסט, וואָס ביי יענעם אין טאָפּ קאָכט זיך, וועלכער האָט גע'משפט און אַרויסגעגעבען די שרעקליכסטע אורטיילען, ניט

שוין אַ פּאָר יאָהר, אַז אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען די פֿראַגע, ווי דאַרף מען זיך האַלטען ביי די פֿערהערען, און אַלע אין איין קול האָבען געגעבען די אייגענע תשובה. צום ערשטען איז אַרויס אונטער דיזען טיטעל די בראָשור פֿון באַכאַרעוו: זי איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פֿון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ”, וועלכע האָט נאָכדעם עטליכע מאָל געדרוקט וועגען דיזער פֿראַגע (צ. ב. וואו זי האָט געדרוקט פֿון דעם פֿערטעטהער ווסעוואָלאָד רודנעווי

———

האָבענדיג אויף זיך קיין שום פֿעראַנטוואָרטונג; די אינקוויזיציע האָט געמשפּט ניט נאָר פֿאַר מעשים נאָר אויך פֿאַר מחשבות; זי פֿלעגט אַריינקוקען יענעם אין האַרצען און בעשטראָפֿען פֿאַר פֿערברעכען, וועלכע זי האָט כלומר'שט דאָרטען געפֿונען. די פּראָצעסען פֿלעגט זי פֿיהרען אַ גרויל ווי איינפֿאַך: זי פֿלעגט אַרעסטירען נאָר צוליעב אַ חשד, אָנטהאָן עינוים ביז דער אַרעסטירטער זאָל זיך מודה זיין און נאָכדעם פֿער'משפּט'ן בשריפה. עס איז גענוג געווען 2 עדות, און דאָס אויך בנוגע צו פֿערשיעדענע פֿאַקטען, אַז מען זאָל פֿער'משפּט'ן דעם אונגליקליכען אויף טורמע, וואו מען האָט די פֿערשפּאַרטע שלעכט געגעבען עסען, פֿערבאָטען צו ריידען, צו זינגען—אמת צום זינגען האָט סיי ווי סיי געמוזט זיין אַ שוואַכער חשק; אָט אַזוי פֿלעגט ער זיצען, ביז דער הונגער און דער אומטוטה פֿלעגען איהם פֿערמאָרען: דעם אָנגעקלאָגטען פֿלעגט מען זאָגען, אין וואָס פֿאַר אַ חטא מען בעשולדיגט איהם, נאָר מען פֿלעגט איהם קיין מאָל ניט שטעלען פנים אל פנים מיט די בעשול-דיגער”. אַחוץ די צוויי „מעלות” 1) די זשאַנדאַרמען פֿער'משפּט'ן ניט אויף טויט, נאָר פֿערשפּאַרען אין טורמע אָדער פֿערשיקען אין סיביר, און 2) ענוים טהוען זיי אָן ניט ווי אין מיטעלאַלטער, נאָר „היינטיגע” ציוויליזירטע (אַריינזעצען בכיון אין אַ שלעכטען פֿינסטערען, גאַסען חדר מיט אַ זאָגט איבער'ן פֿענסטער; פֿערבאָטען דורכצושרייבען זיך, צו זעהען זיך מיט קרובים און בעקאַנטע, ניט צולאָזען קיין ביכער, שרייב-געצייג, אייגענע עסען, שפּאַצירען, פֿאַלשע ידיעות וועגען קרובים און בעקאַנטע)—אַחוץ דיזע צוויי מעלות, איז די גאַנצע מעשה ווי אָנגעמאָס-טען אויף אונזער צייט, און יעדערער, וועלכער עס איז געווען ביי די זשאַנדאַרמען אין די הענד קען זאָגען: בדידי הוה עובדא (עס האָט זיך מיט מיר אַליין געטראָפֿען אַזאַ מעשה).

אָדער פֿון זובאַטאָוו'ס טאַקטיק). דיזע פֿראַגע האָט אויך בעריהרט די „אַרבייטער שטימע" (No 18, דער לייטאַרטיקעל וועגען זובאַטאָוו'ן), אויך „איסקראַ", אויך „רעוואָלוציאָננאַיאַ ראָסיאַ". ענדליך, איז אויף'ן 2-טען צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַר-בייטער פּאַרטיי אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, וועלכע גאַראַיעט אָבצוזאָגען זיך פֿון צו געבען בעווייזונגען איוף די פֿערהערען. הגם מען קען ניט זאָגען, אַז דיזע פֿראַגע איז אַרומגערעדט געוואָרען ווי געהעריג, פֿונדעסטוועגען ווילען מיר דאָ ניט ריידען קיין סך פֿון איהר, מיר ווילען זיך בענוגענען נאָר מיט איניגע קליינע בעמערקונגען.

1) אַרויסגעבען אַנדערע, אַרויפֿוואַרפֿען די שולד אויף אַנדערע, כדי צו בלייבען אַליין אַ ריינער, אויסזאָגען וועגען אַנדערע וואָס עס איז, וואָס עס קען זיי שאַדען, כאָטש ניט האָבענדיג דערביי בדעה אַרויס-צודרעהען זיך אַליין—דאָס איז אַ פּשוט'ער פֿערראַט, און מיט דעם, וועלכער עס האָט דאָס אָבגעטהאָן, טאָרען די רעוואָלוציאָנערען קיין מאָל ניט האָבען קיין שום עסק, קיין שום מגע ומשא. די אייגענע זאַך דאַרף זיין, ווען איינער זאָגט אָפּען אַלין אַרויס „כדי צו ראַטעווען", אָבריינגען אַנדערע מענשען. עס זיינען שוין פֿאָרגעקומען אַזוי פֿיעל דראַמעס ביי אַזעלכע פֿאַלען, אַזוי פֿיעל מענשען זיינען געבליבען אויף אייביג אונ-גליקליך, געגומען זיך דעם לעבען*, מחמת זיי האָבען בעקומען אַ צו-טרוי צו די זשאַנדאַרמען, צוליעב שרעקעדיגקייט, אונפֿאָרזיכטיגקייט, באָלבעריי, אַז יעדער, וועלכער עס פֿאַלט אַריין צו די זשאַנדאַרמען, מוז זאָגען אַזוי ווי לערמאָנטאָוו'ס אַרסעני: בעסער אָבבייסען זיך דעם צונג, איידער עפּעס אויסזאָגען.

2) אויסזאָגען נאָר וועגען זיך אַליין, מודה זיין זיך אין איניגע אייגענע חטאים, כאָטש דערביי זאָלען ניט בעריהרט ווערען קיין פֿרעמדע מענשען. קיינער זאָל דערפֿון ניט ליידען — דאָס הייסט ניט פֿערראַטה, נאָר עס בעווייזט, אַז דער, וואָס טהוט עס, איז אַ שוואַכער נפֿש, האָט ניט קיין שטייפֿע דעה. אַז אַזאַ אויפֿפֿיהרונג איז שעדליך—דערין איז קיין שום ספק ניטאָ. ווען צ. ב. פֿון דריי אַרעסטיר-טע: ראובן, שמעון, לוי וועט יעדער אויסזאָגען אפילו נאָר פֿון זיך אַליין, ווילען די זשאַנדאַרמען שוין האָבען דעם „סך-הכל" פֿון די אַלע בעווייזונגען, ד. ה. אַלין, וואָס זיי דאַרפֿען. אַמאָל קומט דיכט זיך אויס אין פֿלוג, אַז עס האָט קיין זינען ניט איינצושפּאַרען זיך און אָבלייקענען אַ פֿאַקט, וועלכען די זשאַנדאַרמען האָבען דערגאַנגען פֿון די שפּיאָנען,

---

* זעה צ. ב. דעם אויסגעצייכענטען פֿעליעטאָן אין No 25 „אַרביי-טער-שטימע": „אין אַ פֿינסטערער נאַכט".

פֿעררעטהער אָדער אויף אַ וועלכען עס איז אַנדער אופן. נאָר אפילו אין אַזאַ פֿאַל קען נאָר אַ שוואַכער מענשעל מודה זיין זיך, און זיינע בעווייזונגען זיינען אי שעדליך פֿאַר דער רעוואָלוציע, אי ברייננגען אַ פעולה די זשאַנדאַרמען. לאָמיר זאָגען, למשל, איינער איז מודה, אַז דער פֿאַקט „אַ" איז ריכטיג; לאָמיר זיך ווייטער מאָלען, אַז דער פֿאַקט א איז נאָר איינער פֿון אַ גאַנצער רייהע פֿאַקטען א, ב, ג, ד, ווע-גען וועלכע די שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרען אָדער עדות האָבען מודיע געווען; פֿון דעם, וואָס דער אַרעסטירטער איז מודה דעם פֿאַקט א, וועלען די זשאַנדאַרמען גאַנץ נאַטירליך אַרויסדרינגען, אַז די ידיעות וועגען די איבעריגע פֿאַקטען זיינען אויך ריכטיג. בכלל, אַז דער, וואָס איז זיך מודה, איז אַ מענש מיט אַ שוואַכער נאַטור, קען מען זעהען דערפֿון גופא, וואָס די זשאַנדאַרמען זאָגען געוועהנליך צו תיקף אַרויס-צולאָזען פֿריי, ווי באַלד מען וועט מודה זיין וועגען זיך 1-2 פֿאַק-טען. „מיר בעטען אייך ניט, אַרויסצוגעבען וועמען עס איז—דער אוי-בערשטער זאָל אויסהיטען! היובען זיי אָן בנעימות, מיט ווייכע דיבורים —זייט נאָר מודה אָט דיזען פֿאַקט, וועלכען מיר ווייסען אויף קלאָר, און מיר וועלען בעקומען די מעגליכקייט תיקף אַרויסצולאָזען אייך פֿריי"... עס איז איבעריג צו בעווייזען, אַז דער „פֿאַקט, וועלכען מיר ווייסען אויף קלאָר" איז אָפֿט ניט מעהר ווי אַ השערה, אַ סברה פֿון די זשאַנ-דאַרמען, און דער אַרעסטירטער, מודה׳זייענדיג זיך, פֿאַלט אַריין אין אַ פאַסטקע.

3) געבען ערקלעהרונגען, אויסקלעהרען פֿערשיעדענע איבער׳שכל׳דיגע מעשות, וואָס קלינגען אמת׳דיג, כדי אַריינצונאַרען די זשאַנדאַרמען, איינשמועסען זיי אין דער אונשולדיגקייט — דאָס איז אַ העכסט געפֿעהרליכע מעטאָדע, אין וועלכער אַ סך מענשען האָבען זיך שוין פֿערפּלאָנטערט און האָבען געענדיגט מיט פֿערראַטה, צו ווילענדיג, צו ניט ווילענדיג. „די שעדליכע ווירקונגען פֿון אַזוינע ערקלעהרונגען ביי די פֿערהערען—האָט געשריבען די „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" (No 7)— ווענדט זיך אַ האָר ניט אָן דעם, מיט וואָס פֿאַר אַ בונה זיי זיינען גע-געבען געוואָרען". „צוליעב אונגעניטקייט, אַ פֿאַלשען חשבון, צוליעב דער אונמעגליכקייט צו וויסען אַלע פּרטים פֿון דער בעשולדיגונג און די בעווייזונגען פון די אַנדערע חברים, וועלכע זיינען אָבגענאַרט גע-וואָרען פֿון די צאַרישע משרתים, וואָס האָבען שוין דערלעבט אין קאַמפּף מיט דער רעוואָלוציע צו גרויע האָר—ווי דאָס איז, נאָר דער אָרענטליכ-סטער און דער איבערצייגטסטער סאָציאַליסט קען ווערען ניט ווילענ-דיג אַ פֿעררעטהער, ווי באַלד נאָר ער האַלט זיך ביי אַזאַ טאַקטיק צו געבען „ידיעות" און „ערקלעהרונגען", הגם מיט דער גוטער בונה

צו טהאָן דערמיט אַ טובה די אַנדערע חברים"... די זשאַנדאַרמען גלויבען קיין מאָל ניט די „ערקלעהרונגען", סטאַרען זיך איפּווייזען, אַז עס איז ניט אמת, אַז דאָס איז אַ'ן אויסגעטראַכטע מעשה, אַז די „ערקלעהרונגען" זיינען פֿול מיט ווידערשפּרוכען; דער אויבער-חכם זעהט, אַז ער איז געבליבען צום נאַר, און איצט איז ערשט גרינג אַרויסצוקריגען ביי איהם אמת'ע ריכטיגע ערקלעהרונגען, די איינציגע ערקלעהרונג, וועלכע מען קען נאָך יע געבען, ווען מען געפֿינט ביי אימיצען איינצעלנע עקזעמפּלאַרען פּראָקלאַמאַציעס אָדער בראָשורען, איז: „געפֿונען", „בעקומען פֿון פּאָסט", „אונטערגעוואָרפֿען".

4) אָבלייקענען אַלין: די בעשולדיגונגען, בעקאַנטשאַפֿט, אייגענע כתבים, געפֿינענע אונלעגאַלע ליטעראַטור וכדומה, איז בכלל, זעהר אַ גוטע מעטאָדע, די זשאַנדאַרמען האָבען איהר פֿיינד שׂנאת-מות, ווייל אַלע זייערע סטאַרעניש ווערען צושלאָגען אָן איין ענטפֿער: „איך וויים פֿון קיין זאַך ניט; איך—ניט איך, דער פֿערד איז ניט מיינער, איך בין ניט קיין פֿורמאַן". די זשאַנדאַרמען האָבען פֿיינד ווי דעם טויט דיזע מעטאָדע ניט נאָר צוליעב דעם, ווייל זיי קענען דערביי גאָר ניט דערגעהען, נאָר אויך מחמת דעם, ווייל זיי קען אַליין ניט קלאָר ווערען, צו וויים דער אַרעסטירטער, צו ער וויים ניט פֿון דעם, וואָס ער לייקענט אָב. אַ'ן אונשולדיגער מענש לייקענט דאָך אויך אָב די בעשולדיגונג געגען איהם. אין דער אמת'ן אָבער איז ניט שווער צו דערקענען גאָר אַ ריינעם מענשען, ווייל אין זיין אָבלייקענען קען ניט זיין קיין סיסטעם. און אָט דאָ ליגט די סכנה פֿון דיזער מעטאָדע, ווי צו האַלטען זיך ביים פֿערהער. דעם אָנגעקלאָגטען ווערט עפּעס פּשוט אונבעקוועם אָבצולייקענען אַ זאַך, וואָס איז קלאָר ווי טאָג, צ. ב. טענה'ן אין איין קול, אַז ער האָט ניט געשריבען דיזען אָדער יענעם בריעף, וועלכער איז אין דער אמת'ן געשריבען געוואָרען מיט דער אייגענער האַנד. דערצו האָט דער אַרעסטירטער מורא, אַז ווען ער וועט אָבלייקענען אַזאַ פֿאַקט, וועלכען די זשאַנדאַרמען ווייסען אויף קלאָר, וועלען זיי ממילא ניט גלויבען זיינע אַנדערע בעווייזונגען, און דעריבער קען ער אָפֿט מרוצה ווערען אויף אַ פּשרה, מודה זיין וועגען זיך איין זאַך, כדי מען זאָל איהם גלויבען אין די אַנדערע זאַכען, וועלכע ער פֿערלייקענט.

5) דעריבער איז דאָס אָבזאָגען זיך פֿון צוגעבע בעווייזונגען דער בעסטער אונגעפֿעהרליכסטער מיטעל, וועלכער פֿערהיט פֿון אריינצופֿאַלען אין א צרה. ער האָט נאָר איין חסרון: מען זעהט גלייך, אַז דער אַרעסטירטער האָט יע עפּעס אַ שייכות צו דער רעוואָלוציע, „אַז ער איז ניט גאָר קיין גלאַטער מענש", ווייל אַ מענש,

וועלכער ווייס ניט פֿון אַזוינע זאַכען, וועט זיך ניט האַלטען אַזוי אויף די פֿערהערען. נאָר, ערשטענס, רעכענט זיך די רעגירונג אָב אַלץ איינס אי מיט די שולדוגע, אי מיט די אונשולדיגע, מיט די, וואָס גיבען יע און מיט די, וואָס גיבען ניט בעוויזונגען. זי פֿערשיקט אין סיביר אפילו אמת'ע פֿערברעכער און זובאַטאָוצעס. אין צווייטענס, וואָס מעהר מען זאָל פּראָפּאַגאַנדירען דיזען מיטעל, וואָס מעהר מען זאָל שרייבען וועגען איהם אין די צייטונגען, בלעטלעך, ריידען אויף די פֿערזאַמלונגען, און וואָס מעהר מענשען עס וועלען פֿאָלגען דיזע עצה, אַלץ מעהר פֿערלירט ער זיין הסרון. די זשאַנדאַרמען זיינען שוין איצט אפילו אַזוי צוגעוועהנט צו איהם, אַז זיי האָבען אויפֿגעהערט אויסצולאָזען זייער כעס אויף די „עקשנים" און צו געבען זיי דערפֿאַר בעזונדערע בעשטראָפֿונגען. זיי האָבען זיך אפילו דערמאָגט, אַז „לויט דעם געזעץ" האָט דער אַרעסטירטער דעם רעכט אָבצוזאָגען זיך פֿון צו געבען בעוויזונגען. די זשאַנדאַרמען זיינען צופֿריעדען, וואָס זיי קענען זיך „מיט אַ ריינעם געוויסען" בענוגענען מיט די בעוויזונגען פֿון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרען, און די רעוואָלוציאָנערען וועלען ניצול ווערען פֿון דעם געפֿעהרליכען וועג, וואו מען קען ווערען ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג אַ פֿערברעכער.

דאָס אָבזאָגען זיך פֿון צו געבען בעוויזונגען איז אגב ניט נאָר דער אַלגעמיינערער' און 'דער צוועקמעסיגערער'מיטעל— ער איז צו גלייכער צייט אויך דער ווירדיגסטער. ,,די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג' איז אַזאַ מאוס'ער אָנשטעל, איז אַזאַ ווייניג' עהנליך אויף אַ'ן אמת'ע געריכטליכע, אונטערזוכונג, אַז ע איז פשוט אַ בזיון צו רעכענען זיך מיט איהר, געבען די זשאַנדאַרמען תשובות אויף זייערע פֿראַגען, איבערהויפּט איצט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף איז אַזוי שאַרף געוואָרען.

מיר וועלען זיך אָבשטעלען נאָך אויף איין פֿראַגע: ווי דאַרפֿען מיר זיך פֿערהאַלטען צו דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג, וואו מיר האָבען אַ'ן עסק ניט מיט די זשאַנדאַרמען, נאָר מיט'ן געריכטס-פֿאָרשער? מיר געפֿינען, אַז אפילו אויך אין דיזען פֿאַל איז דער אַלגעמיינסטער און צוועקמעסיגסטער מיטעל, אָבצוזאָגען זיך פֿון צו געבען בעוויזונגען*). נאָר דאָ קען דער רעוואָלוציאָנער אויפֿטהאָן עפּעס

*) מיר ווייסען זעהר גוט, אַז אַ מאָל איז צוועקמעסיגער צו געבען וועלכע עס איז בעוויזונגען, דערפֿאַר געפֿינען מיר, אַז מען קען ניט זאָגען, אַז אַלע זיינען מחויב אָבצוזאָגען זיך פֿון צו געבען בעוויזונגען, מען קען נאָר נאַראַיען און פּראָפּאַגאַנדירען דיזען מיטעל.

אַ גרעסערע זאַך: בענוצענדיג זיך מיט זיין רעכט, קען ער „נ י ט ג ע ב ע נ ד י ג אַליין קיינע בעווייזונגען", זיצען ביים פֿערהער פֿון די עדות, אַרויסרופֿען נייע עדות, קאָנטראָלירען ווי עס פֿיהרט זיך די אונטערזוכונג, אָנגרייטען וואָס מעהר מאַטעריאַל פֿאַר דעם קומענדיגען יום-הדין, כדי שאַרף צו קריטיקירען דאָרטען די גאַנצע סיסטעם. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דערצו דאַרפֿען עקסיסטירען בעזונדערע גינסטיגע בעדינגונגען, פֿאָלשטענדיגע פּאָליטישע געניטקייט און אַ ידיעה אין די געזעצען און אַ שטייפֿע דעה. דעריבער דאַרף מען נאָר אין אויסנאַהמס-פֿאַלען אַריינמישען זיך אין דער אונטערזוכונג. דערצו קען די פּראָקוראַטור גאַנץ גרינג אונטער פֿערשיעדענע תירוצים, וועלכע מען קען אויסזוכען אין די אויבענגעבראַכטע געזעצען, ניט דערלאָזען אַריינצומישען זיך אין דער אונטערזוכונג.

III. ווי דאַרף מען זיך האַלטען ביים געריכט?

בעת די פֿראַגע וועגען דעם, ווי דאַרף מען זיך האַלטען ביי די פֿערהערען, ווען זי איז אפילו ניט אַרומגענומען געוואָרען פֿון אַלע זייטען, איז זי פֿונדעסטוועגען ניט איין מאָל געשטעלט געוואָרען און האָט אפילו בעקומען אַ תשובה אויף'ן צווייטען צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבייטער-פּאַרטיי, איז די פֿראַגע, ווי צו האַלטען זיך ביים געריכט גאָר וועניג בעריהרט געוואָרען אין אונזער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. וואָס איז די מעשה? די ערקלעהרונגען דערפֿון דאַרף מען זוכען ניט אין דעם, וואָס דיזע פֿראַגע איז לייכטער אָדער ווייניגער וויכטיג, נאָר אויסשליסליך אין דעם, וואָס זי איז נאַטירליך אויפֿגעקומען ערשט שפּעטער, ווען די נייע פּראַקטיק פֿון דעם נייעם תליון פֿ אָ ן-פּ ל ע ו ו ע האָט איהר אַרויסגעשטעלט. פֿון ערשטען קוק קען זיך דוכטען, אַז די תקנות, ביי וועלכע מיר זיינען מחויב צו האַלטען זיך ביים זשאַנדאַרמישען פֿערהער, קען מען פּשוט איבערטראָגען אַהער אויך. ווי מען זאָל זיך ניט פֿערהאַלטען צו דער מעטאָדע פֿון אָבזאָגען זיך צו געבען בעווייזונגען—די מעטאָדע, וועלכע אַלע רעוואָלוציאָנערען נאַראַיען אין איין קול—נאָר על כל פנים מוז זיין אַ כלל, אַז מען טאָר זיך אין קיין זאַך קיין מאָל ניט מודה זיין. דיזע טאַקטיק, אויף וועלכע אַלע זיינען מסכים, מוז אויך, ווי עס מיינט דער מחבר פֿון דער בראָשור „דער פּראָצעס פֿון די אָבוכאָווער ארבייטער" (אַרויס אין יאָהר 1901), אָנגעווענדעט ווערען ביי די געריכטליכע פּראָצעסען. דערצעהלענדיג, ווי נאָר מ אַ ר פֿ אַ י אַ ק אָ ו ו ל ע ו ו אַ

אַליין האָט זיך מודה געווען, אַז זי איז שולדיג, ווי זי האָט ערקלעהרט בייִם געריכט, אַז נאָך דעם, ווי די סאָלדאַטען האָבען אויסגעשאָסען אין עולם, האָט זי אָנגעהויבען צו דערלאַנגען די אַרבייטער שטיינער, וועלכע זיי האָבען געוואָרפען פון הינטער די פאַרקאַנעס אויף די, וואָס זיינען אָנגעפאַלען פון בנין פון דער קאַרטאָן-פאַבריק. מאַכט דער מחבר פון זיך אַזאַ בעמערקונג: יאַקאָוולעוואַ׳ס אָרענטליכע נאַטור, וואָס ווייל ניט וויסען פון קיינע אויבער-חכמות, האָט איהר געהייסען אַזוי טהאָן, און זי האָט געפאָלגט. איהר מודה זיין זיך—איז אַזאַ הערצ-ליכער געפיהל, וועלכען מען קען פערשטעהען און אַכטען, נאָר עס איז קיין שום ספק ניט, אַז מודה זיין זיך בייִם געריכט, וועלכער פיהרט די אַרבייטער-פראָצעסען—איז אַ פאַלשע טאַקטיק. אָט דיזע גאַנצע באַנדע ריכטער אין מונדירען זיינען ניט ווערטה צו האָבען די זכיה און הערען די אָפענהערציגע רייד פון אַזוינע מענשען, ווי מ. יאַקאָוולעוואַ... דער איינציגער מאָראַלישער פרינציפ דאַרף דאָ זיין—די אינטערעסען פון דער אַרגעמיינער זאַך. אין דעם אונגלייכען קאַמפף צווישען די אָנגע-קלאָגטע און די ריכטער דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען אַלע מיטלען אויף צו ראַטעווען וואָס מעהר מענשען און אומקעהרען צוריק דעם אַרביי-טער-קלאַס זיינע בעדייטענדערע מיטגליעדער... אַ׳ן אַרבייטער-פראָצעס —איז אַ קאַמפף, און די מלחמה-קונסט דאַרף דאָ זיין די אייגענע, ווי ביי יעדער גרויסער מלחמה: טהאָן נאָר דאָס, וואָס עס איז צוועקמעסיג און פראַקטיש און ניט לאָזען זיך פיהרען פון דעם געפיהל, וועלכער נאַרט אָב.

דער מחבר האַלט אַלזאָ, אַז די רעוואָלוציאָנערען מוזען האָבען אין זינען בייִם געריכט נאָר איין ציעל—פערהיטען זייערע כחות, כדי צו קענען ווייטער אַרבייטען. דער פעטערבורגער קאָמיטעט פון דער רוס-לענדער פאַרטיי, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען דיזע בראָשור, האָט אַ פנים ניט גאָר מסכים געווען מיט דיזער מיינונג, ווייל אין איין אָרט האָט ער געמאַכט אַ בעמערקונג, אַז ער לאָזט איבער פאַר זיך דעם רעכט נאָך אומצוקעהרען זיך צו דער פראַגע, וועל-כע דער מחבר האָט בעריהרט. דערפאַר איז אָבער „איסקראַ" שטאַרק אָנגעפאַלען אויף דיזע מיינונג פון דעם מחבר, „וועלכע איז אפילו זעהר ניכטער, אָבער גאָר ניט קלוג".

„צו דוכט זיך ניט דעם לעזער, שרייבט „איסקראַ" אין דעם No 17— אַז מיר זעהען ווידער די טרויעריגע סצענע, ווי די אינטעליגענטען סטאַ-רען זיך מיט אַלע כחות צו פערהאַלטען די רעוואָלוציאָנערע ענטוויקלונג פון דעם אייגענעם פראָלעטאַריאַט, וועמען ער שווערט זיך, אַז ער איז אָ גרויל ווי טריי? אונז דוכט זיך, אַז אַזוי איז טאַקי די מעשה, און

אַז די טאַקטיק פֿון מאַרפּאַ יאַקאָוולעוואַ איז גאָר קיין פֿערגלייך העכער, ברייטער, רעוואָלוציאָנערער און צוועקמעסיגער פֿון יענער טאַקטיק אין נאָמען פֿון וועלכער אונזער מחבר מוסר'ט אַזוי בנעימות'דיג די מוטהיגע מ. יאַקאָוולעוואַ.

קודם כל—וואָס איז דאָס עפּעס פֿאַר אַ בעזונדער טאַקטיק פֿאַר די „אַרבייטער-פּראָצעסען"?

מען קען רײדען נאָר וועגען דער אויפֿפֿיהרונג פֿון אַ סאָציאַליסט בכלל ביי אַ פּאָליטישען פּראָצעס אָדער ביי אַ פּראָצעס, וועלכער האָט בעקומען אַ פּאָליטישע בעדייטונג. לאָמיר פּרואוועון אָנווענדען דעם שטאַנדפּונקט פֿון אונזער מחבר צו אַזוינע פּראָצעסען, וואָס זיינען פֿריהער פֿאָרגעקומען, און מיר וועלען געפֿינען, אַז אין דער אויפֿפֿיהרונג פֿון זשעליאַבאָוו און פּעראָווסקאַיאַ אַמאָל, און ניט לאַנג אין דער אויפֿפֿיהרונג פֿון פּ. קאַרפּאָוויטש (געהרג'ט באָגאָלעפּאָוו'ן) און יעזיאָראָווסקי (די דיעלע וועגען הרג'נען אַ שפּיאָן, פֿאָרגעקומען אין וואַרשעווער מיליטער-געריכט אין 1900), איז געלעגען אַ מורא'דיגער טאַקטישער פֿעהלער, אַז זייער מודה זיין זיך ביים געריכט איז געווען בלויז אַ פֿיינער „הערצליכער געפֿיהל", וועלכען מען דאַרף „פֿערשטעהען" און „אַכטען" און וועלכען מען מוז פֿונדעסטוועגען פֿערורטיילען, ווייל זי איז ניט צוועקמעסיג. און מיר האָבען ביז אַהער גאָר געמיינט, אַז די אויפֿפֿיהרונג פֿון זשעליאַבאָוו און פּעראָווסקאַיאַ ביים געריכט איז געווען די לאָגישע פֿאָרטזעצונג פֿון זייער פֿריהערדיגער פּאָליטישער טהעטיגקייט, אַז מיט זייער אויפֿפֿיהרונג האָבען זיי געבראַכט אַ פּעולה דער בעוועגונג. די אויפֿפֿיהרונג פֿון אַ סאָציאַליסט ביים געריכט קען דיענען פֿאַר אַ נייע דעמאָנסטראַציע, און מען מוז זאָגען, אַז דער שטאַנדפּונקט, וועלכער לאָזט אויסען די בעדייטונג פֿון מ. יאַקאָוולעוואַ'ס טאַקטיק, איז אַ "קליין-שטעטעלדיגער". און ווי בעמערקט ניט דער מחבר אַליין, אַז בלויז די דערצעהלונג פֿון מ. יאַקאָוולעוואַ'ס דרייסטער אויפֿפֿיהרונג אין זיין בראָשור וועט האָבען אַ גרויסע אַגיטאַציאָנס-בעדייטונג און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט „אויסגעציערט" זיין בעשרייבונג מיט קליין-שטעטעלדיגע פּראַקטישע סברות, פֿון וועלכע מיר האָבען אויבען געבראַכט אַ מוסטער. מען קען ניט פֿאָדערען פֿון אַלע קרבנות פֿון דעם צאַרישען „יושר'דיגען דין", אַז זיי זאָלען מאַכען פֿון געריכטס-זאַל אַ שלאַכט-פֿעלד פֿאַר אַ ווייטערדיגען גייסטיגען קאַמפּף מיט'ן שונא. נאָר ווען צווישען דיזע קרבנות געפֿינט זיך אימיצער, וועלכער איז פֿיהיג דערצו, וואָלט געווען נאַריש צו „פֿאָדערען" פֿון איהם, אַז ער זאָל זיך אויפֿפֿיהרען „ווי אַלע". די אייגענע „טאַקטיק", וועלכע וואָלט ניט גע-

האַט קיין שום ממשות ביי דער געהיימער זשאַנדאַרמישער נאָכפאָרשונג, קען ביי אַ'ן אָפּענעם געריכטס-פּראָצעס בעקומען אַ גרויסע פּ אָ ל י ט י-ש ע בעדייטונג.

מיט אַנדערע ווערטער: די 18-יאָהריגע מ. יאַקאָוולעוואַ האָט מיט איהר אויפפיהרונג אויף'ן געריכט געבראַכט אַ גרויסע פּעולה דער אַרבייטער-בעוועגונג, און אונזער „אינטעליגענט", וועלכער זעהט אין דיזער אויפפיהרונג נאָר אַ שיינעם „הערצליכען געפיהל", האָט אַרויסגעוויזען זיין קורצזיכטיגקייט, וואָס עס איז אַ חרפּה פאַר לייטען".

אַלואָ, „איסקראַ" האָט שאַרף אויסגעלאַכט יענע מיינונג, וועלכע האַלט, אַז דער רעוואָלוציאָנער דאַרף ביי אַ פּראָצעס טראַכטען נאָר וועגען דעם, ווי צו פערהיטען זיינע כחות פאַר דער שפּעטערדיגער אַר-בייט; אין אַ יאָהר אַרום (אין No 35 פון 1 מערץ 1903) איז איהר אויסגעקומען צו פאַרטיידיגען אויך געגען יענער מיינונג, וועלכע נעהמט אָן, אַז דער פּאַסענדסטער מיטעל פאַר אַ רעוואָלוציאָנער איז איבער-הויפּט ניט צו אַנערקענען דעם געריכט, ווי למשל אָבזאָגען זיך פון בעווייזונגען אויף די פערהערען, אַקוראַט ווי מיר פּראָטעסטירען געגען דער זשאַנדאַרמישער נאָכפאָרשונג. ביי אַזאַ מיינונג האָט זיך געהאַל-טען איינער פון די אַנטיילנעהמער אין דעם ניזשני-נאָווגאָראָדער פּראָ-צעס, דער מחבר פון דעם בריעף אין רעדאַקציע, וואָס איז געווען אָב-געדרוקט אין No 35 „איסקראַ". „איסקראַ" איז ניט מסכים מיט'ן מחבר. דער קאָרעספּאָנדענט איז מודיע, אַז ער, ווי אויך זיינע חברים, האָבען שטאַרק געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי זאָלען זיי זיך האַלטען ביים קומענדען פּראָצעס. צווישען זיי זיינען געווען 3 פערשיעדענע דעות. א י י ן ד ע ה—די מיינונג פון דעם מחבר פון בריעף גופא, וועל-כע ער פאָרמולירט אַזוי: „איך האָב גע'טענה'ט, אַז מיר מוזען זיך אָב-זאָגען פון יעדער פערטהיידיגונג, אַז מיר דאַרפען ערקלעהרען ביים געריכט, אַז מיר אַנערקענען ניט קיין שום משפט איבער זיך, אַז יעדען משפט איבער אונז האַלטען מיר פאַר אַ געוואַלדטהאַט, און די ריכטער פאַר אַ פשוט'ע שפּיעלצייג אין די הענד פון דער רעגירונג, וועלכע בענוצט זיך מיט אַלערליי מיטלען, אויף בייצוקומען איהרע שונאים".

די צ ו וי י ט ע ד ע ה איז געווען די אויבענגעבראַכטע מיינונג, אַז די אָנגעקלאָגטע דאַרפען היטען זייערע כחות אויף להבא, און טהאָן אַלין, וואָס זיי קענען, כדי צו בעקומען וואָס גרינגערע פּסקים.

די ד ר י ט ע ד ע ה איז געווען די, ביי וועלכער עס האָבען זיך געהאַלטען ביים געריכט דאָס רוב פון די פער'משפט'ע; זי איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט איינגעלאַדען אַדוואָקאַטען, ניט אָבגעלייקענט דעם אַנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע און געהאַלטען רעוואָלוציאָנערע רעדעס.

מיר האָבען איבען געזעהען, אַז „איסקראַ“ האַלט איין מיינונג מיט
דער דריטער פֿון די בעשריבענע דעות. אָט, וואָס זי זאָגט וועגען
דעם „בריעף אין רעדאַקציע“. „אַ פּראָטעסט“ געגען יעדען געריכט, וואָס
בעשטעהט פֿון בעאַמטע, דאַרפֿען מיר אויפֿהויבען ביי יעדער געלעגענ-
הייט—דערינען איז דער מחבר גערעכט. נאָר אַ פּראָטעסט פֿאָדערט ניט
„אָבצוזאָגען זיך פֿון יעדער פֿערטהיידיגונג“, בפרט נאָך פֿון צו „האַלטען
רעוואָלוציאָנערע רעדעס ביים געריכט“; אונזער אַנטייל אין געריכט איז
די פֿאָרטזעצונג פֿון אונזער קאַמפּף, אין אַקוראַט ווי אין דיזען קאַמפּף
בענוגענען מיר זיך ניט מיט דעם, וואָס מיר פּראָטעסטירען, נאָר
מיר קריטיזירען שאַרף מיט אַלע פּרטים די פּאָליטיק פֿון אונזער
פֿיינד און מיר אַגיטירען געגען איהם לטובה פֿון אונזער זאַך, אַזוי מוזען מיר
אויך ביים געריכט אַקטיוו אויפֿדעקען דעם גאַנצען שימעל פֿון די צאַרישע
„יושר'דיגע משפּטים“ און געבען צו ערקלעהרען אונזער פּראָגראַם.
פֿאַר וואָס דער אַנטייל אין דער געריכטליכער אונטערזוכונג, כדי אויפֿ-
צידעקען די דרכים פֿון דער זשאַנדאַרמישער נאָכפֿאָרשונג און דאָס בע-
נוצען דעם רעכט צו רעדען דעם לעצטען וואָרט ביים געריכט—כדי צו
פּערטהיידיגען די אייגענע איבערצייגונגען — אָט, פֿאַר וואָס דאָס איז אַ
וויכטיגער כלי-זין אין פּאָליטישען קאַמפּף, פֿון וועלכען מיר טאָרען זיך
ניט אָבזאָגען. מיר וועלען אָנווייזען אויף'ן ביישפּיעל פֿון אַזאַ פּאָליטישען
מהוער, ווי זשעליאַבאָוו. אין פּראָצעס פֿון 1-טען מערץ האָט זשע-
ליאַבאָוו פּראָטעסטירט געגען דעם געריכט גופא, נאָר דאָס האָט איהם
ניט געשטערט צו בענוצען זיך מיט אַלע זיינע רעכטען, כדי פֿאָרטצו-
זעצען דעם קאַמפּף אי בעת דער געריכטס-אונטערזוכונג, אי אין דער
פֿערטהיידיגונגס-רעדע. און עס וואָלט געווען אַ גרויסער היזק פֿאַר דער
בעוועגונג, ווען וואָיעוואָדין, זאַלאָמאָוו און אַנדערע פֿער-
משפּט'ע וואָלטען אַראָבגעהען פֿון דער סצענע, ניט זאָגענדיג זייערע
לעצטע אַגיטאַציאָנס-רעדעס. בנוגע צו די, וועלכע זאָגען, „אַז מען
מוז היטען די כחות אויף להבא“, פֿערשטעהט זיך, אַז עס איז אַ פֿעה-
לער צו האָבען אין זינען אויסשליסליך דיזען איינציגען טעם. אויף'ן
געריכט פֿערטרעט דער רעוואָלוציאָנער פֿאַר אַ געוויסען טייל פֿון דער
געזעלשאַפֿט זיין פּאַרטיי, און ער איז מחויב אויסצופֿיהרען דיזע ראָלע
בכבוד. נאָר דאָס הייסט נאָך ניט, אַז שטענדיג, ביי אַלע בעדינגונגען,
דאַרפֿען די רעוואָלוציאָנערען ערפֿיללען דעם רצון פֿון דער פּראָקו-
ראַטור און מיט דעם אייגענעם מודה זיין זיך אַרויספֿיהרען די ריכטער
פֿון זייער פֿערלעגענהייט, און וועלכער זיי געפֿינען זיך אָפֿט, ניט האָ-
בענדיג קיין מאַטעריעלע, זאַכליכע בעווייזען געגען די אַרעסטירטע. אונ-
זערע פּראָקוראָרען שעמען זיך ניט און וועלען זיך ניט שעמען צו שטע-

לען פֿאַר׳ן געריכט די אָדער יענע מענשען נאָר אויף׳ן גרונד פֿון זייער „אינערער איבערצייגונג“. ווי עס איז בעקאַנט, האָט מען ביי׳ם סאַראַטאָווער פּראָצעס פֿער׳מישפּט איינע נאָר אויף דעם גרונד, וואָס זי האָט ערקלעהרט, אַז זי איז סאָלידאַריש מיט איהרע חברים, הגם דער פּראָקוראָר אַליין האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון די בעווייזען, וועלכע די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג האָט געגעבען געגען איהר.

עס איז לייכט צו פֿערשטעהען, פֿאַר וואָס אַ פּאָליטישער פּראָצעס פֿאָדערט אַ׳ן אַנדער טאַקטיק, איידער די זשאַנדאַרמישע נאָכפֿאָרשונג, און ניט נאָר וואָס מען קען זיך דאָ ניט בענוגענען מיט דער קורצער פֿאָרמולע (אָבזאָגען זיך פֿון צו געבען בעווייזונגען), נאָר מען קען איבערהויפּט ניט גאַראַיען אַ גלייכע טאַקטיק פֿאַר אַלעמען און פֿאַר אַלע פֿאַלען; דאָ האָט מען א׳ן עסק גאָר מיט אַ׳ן אַנדער עולם, ביי אַנדערע בעדינגונגען. אמת, דער משפּט קומט פֿאָר ביי געשלאָסענע טירען, די ריכטער זיינען בעאַמטע, וועלכע פֿאָלגען אַלין, וואָס מען הייסט פֿון אויבען-אָן, צוקוקער און צוהערער זיינען נאָר זשאַנדאַרמען, בעאַמטע די געריכטס-הויז איז פֿול מיט סאָלדאַטען און פּאָליציי, פֿאַר עדות טרעטען געוועהנליך אַרויס ווידער די אייגענע פּאָליצייסקע, זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען... נאָר פֿינדעסטוועגען איז דאָ אַ חילוק, און ניט קיין קליינער חילוק. דער אַרעסטירטער איז דאָ ניט אויג-אויף-אויג מיט דעם זשאַנדאַרמען-אָפֿיציר, וועלכער טהוט אָן ביי יעדען פֿערהער ענוים דעם אַרעסטירטען, נאָר ער זיצט אין איינעם מיט די חברים אויף איין באַנק, און דאָ דערביי זיצט דער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט איהם פֿריהער בעזוכט, געגעבען עצות און וועלכער האָט בדעה ווי ווייט מעגליך אונטערצוהאַלטען איהם. פֿון איהם ווערט ניט געהאַלטען אַלין בסוד, אַקוראַט ווי ביי דער זשאַנדאַרמישער נאָכפֿאָרשונג, ווען מען בעהאַלט פֿון איהם, ווען מען בעשולדיגט נאָך וועגען דער אייגענער „דיעלע“, וואָס פֿאַר אַ בעווייזען עס זיינען דאָ געגען איהם און ווי עס האַלטען זיך זיינע חברים. דאָ איז, פֿערקעהרט, אַלין, וואָס עס איז נוגע צו דער „דיעלע“ אָדער דאָס רוב פּרטים, אָפֿען, דעם בעשולדיגונגס-אַקט האָט ער בעקומען; עס איז קלאָר, אין וואָס מען בעשולדיגט איהם, וואָס פֿאַר אַ בעווייזונגען די עדות האָבען געגעבען געגען איהם, וועלכע אַנדערע ראיות עס זיינען דאָ, ווי ווער פֿון די חברים האָבען זיך געהאַלטען. עס עקסיסטירט אַלזאָ די פֿאָלשטענדיגע מעגליכקייט אַרומצוקלעהרען דעם ענין פֿון אַלע זייטען, צוגרייטען זיך, האַלטען זיך אַ׳ן עצה מיט איין וואָרט, ביים געריכטס-פּראָצעס פֿיהלט זיך דער רעוואָלוציאָנער עפּעס אַזוי ווי ביי דעם טאָגיגען ליכט, און ביי דער זשאַנדאַרמישער נאָכפֿאָרשונג — ווי אין אַ פֿינסטערער נאַכט. נאַטירליך, דאָס, וואָס

עס משפט׳ן ניט געשוואָרענע (פריסיאַזשנע זאַסעדאַטעלעס), נאָר קייזערי-
כע בעאַמטע, וואָס אין געריכטס-זאַל איז ניטאָ קיין עולם און קיין קאָרעס-
פּאָנדענטען, וואָס אין דער לעגאַלער פרעסע ווערען ניט געדרוקט קיינע
בעריכטען וועגען פראָצעס, דאָס אַליין איז אודאי אַ גרויסער חסרון פאַר
אונז, פון וואָסער צד מען זאָל דאָס ניט בעטראַכטען — נאָר צוליעב
דעם געהט פערלאָרען נאָר אַ טייל פון יענע מעלות, וועלכע אינזער
פּאָזיציע האָט ביים געריכט... און די איבעריגע אויסגערעכענטע מעלות
בלייבען פונדעסטוועגען.

אָט, דערפון פערשטעהען מיר, פאַר וואָס ביים געריכטליכען פראָ-
צעס קען מען—און ניט נאָר וואָס מען קען, מען דאַרף—זיך האַלטען ביי
אַ׳ן אַנדער טאַקטיק, איידער ביי די פערהערען. עס איז אויך גרינג צו
פערשטעהען, אַז דאָ קען מען ניט נאַראַיען אַלעמען די זעלבע טאַקטיק,
ווי צו האַלטען זיך. עס זיינען צו-פערשיעדען די בעדינגונגען ביי פער-
שיעדענע פראָצעסען, אָפט-מאָל זיינען אַזוינע בעדינגונגען, אויף וועלכע
דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך ניט געריכט. ערשטענס, קען די
אַרט פון דעם משפט פערשיעדען זיין. עס איז אַ גרויסע נפקא מינה
צווישען דעם בירגערליכען געריכט (סודעבנע פּאַלאַטע, אָקרוזשנאָי סוד
ווי צ. ב. אין סיביר אָדער אויף קאַווקאַז) און צווישען דעם מילי-
טער-געריכט אָדער פעלד-מיליטער-געריכט. אַ מאָל היטען אָב די ריכטער
אויף וויפיעל נאָר איז די תקנות וועגען געריכטס-פראָצעסען, אַ׳ן אַנדערס
מאָל (דאָס רוב) שפּייען זיי פשוט אויף דיזע אַלע תקנות; אַ׳ן אַנדערס
מאָל קוקען ניט די ריכטער דוקא צופריעדענצושטעלען די פני המלוכה
און האָבען אויף וויפיעל ניט איז אין זינען דעם יושר און די געזעצען,
אַ מאָל ווייזען זיי אַרויס אָהן שום חרפה און בושה, אַז זיי זיינען ניט
מעהר ווי אַ שפּיעלצייג אין די הענד פון דער רעגירונג און פאָלגען,
וואָס די רעגירונג מיט איהרע משרתים הייסען. בכלל גערעדט,
גיט דער בירגערליכער געריכט מעהר בעוואָרעניש, ווייל, ווען מען גיט
איבער דעם משפט צום מיליטער-געריכט—דערמיט אַליין איז מען שוין
עובר אויף יעדען געזעץ—הייסט שוין, אַז דעם משפט האָט מען שוין
פריהער אָבגעפסק׳נט אויבען-אָן, און נאָר לפנים וועגען מאַכט מען
דעם אָנשטעל פון אַ משפט*). אָפט איז ווידער אַ גרויסער חילוק אין

* ביי דיזער געלעגענהייט ווילען מיר מאַכען איינינע בעמערקונ-
גען וועגען דעם מיליטער-געריכט. דעם מיליטער-געריכט געהערען די
מעהר וויכטיגע „דיעלעס" (וועגען אָפיצירען אָדער פשוט׳ע סאָלדאַטען,
ווען דער פערברעך איז אַזאַ, אַז מען קען צו׳פסק׳נען דערפאַר אָב-
נעהמען אָדער בעגרענצען די רעכטען). ווען אין דעם פערברעך האָ-

דעם, ווי עס בעגעהט זיך דער פֿאָרזיצענדער פֿון די ריכטער מיט די אָנגעקלאָגטע און מיט די אַדוואָקאַטען, סיי ביי אַ בירגערליכען געריכט, סיי ביי אַ מיליטער-געריכט. אַנדערע לאָזען פֿריי שטעלען פֿערשיעדענע פֿראַגען, בענוצען זיך מיט'ן רעכט פֿון דעם לעצטען וואָרט, בעפֿריעדיגען די שתדלנות פֿון די אַדוואָקאַטען; אַנדערע שלאָגען גראָב איבער, פֿאַלען אַריין אין די רייד, ברייגגען אַרויס פֿון געדולד די געדולדיגע אַדוואָקאַטען און די אונגעדולדיגע אָנגעקלאָגטע.

ענדליך, האָבען אויך אַ גרויסע בעדייטונג דער עצם כאַראַקטער פֿון דער „דיעלע“, דער תוכן פֿון דעם „חטא“, די בעוויזונגען געגען דעם אָנגעקלאָגטען, דער סאָרט עדות, דער כאַראַקטער פֿון דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג. אַ'ן אַנדערס מאָל גיט די „דיעלע“ די מעגליכקייט נאָר בכלל צו פראָטעסטירען געגען דער עקסיסטירענדער אָרדנונג, אַ'ן אַנדערס מאָל קען מען אויפֿדעקען די אָדער יענע נידערטרעכטיגע און פֿאַלשע מעשים פֿון די רעגירונגס-אַגענטען, אויפֿווייזען מיט ראיות און פֿאַקטען פֿון לעבען דעם ווילקיר פֿון דער זעלבסטהערשאַפט. מען קען למשל ניט פֿערגלייכען דעם פראָצעס פֿון 1-טען מערץ 1881 אָדער די ערמאָרדונג פֿון באָגאָלעפאָוו און סיפיאַגין, די „דיעלע“ פֿון די סאַראַטאָווער און קיעווער דעמאָנסטראַנטען, מיט דער יאַקוטסקער הריגה פֿון 1889 אָדער מיט דעם יאַקוטסקען פראָצעס פֿון

בען זיך בעטייליגט אי מיליטער-מענשען, אי פריוואַטע מענשען, ווערט די „דיעלע“ גע'משפט אין בירגערליכען געריכט. נאָר ווען דער פֿערברעך בעריהרט די אינטערעסען פֿון מיליטער-דיענסט אָדער מיליטער-דיסציפלין, ווערען אַלע אַנטיילנעהמער גע'משפט דורך'ן מיליטער-געריכט. לויט דעם געזעץ פֿון 4 סעפטעמבער 1881 האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר, און וואו עס איז ניטאָ קיין גענעראַל-גובערנאַטאָר — דער מיניסטער דעם אינערען מיט'ן הסכם פֿון דעם יוסטיין-מיניסטער דעם רעכט אין יענע ערטער, וועלכע שטעהען אונטער דער פֿערשטאַרקטער אָדער בעזונדערער בעשיצונג (אוסילענגאַיאַ אָדער טשרעזוויטשאַינאַיאַ אָכראַנאַ), איבערצוגעבען אויך פריוואַטע מענשען פֿאַר פאָליטישע פֿערברעכען דעם מיליטער-געריכט, ער זאָל זיי משפט'ן לויט די געזעצען פֿון מלחמה-צייט; אויך האָבען זיי דעם רעכט איבערצוגעבען דעם מיליטער-געריכט פֿאַר געוויסע פֿערברעכען געגען דער פֿערוואַלטונגס-אָרדנונג. אויף'ן גרונד פֿון דעם אַלערהעכסטען בעפֿעהל, וועלכער איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 13 פֿעברואַר 1885 דער מיליטער-איינריכטונג, ווערען די פסקים פֿאַר פאָליטישע פֿערברעכען און פֿאַר'ן געהערען צו געהיימע חברות (אַרטיקעל 318 שטראָף-געזעץ-בוך) פֿערשטאַרקט אויף 2 מדרגות

1904. אַ סך „דיעלעס" גיבען די מעגליכקייט אויפצודעקען פאַר'ן גע-
ריכט אַ וועלכען ניט איז בעשטימטען אויסדרוק פון דעם רעגירונגס יאָך,
וועלכער איז געווען די גאָהענטסטע סבה פון דעם אָבגעטהאָנענעם
„פערברעך". צ. ב. דער פראָצעס פון ווי ע ר אַ זאַסוליטש וויקעלט פאַ-
נאַנדער אַ בילד פון דעם נידערטרעכטיגען, אכזריות'דיגען ווילקיר פון דעם
פעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק טרעפאָוו, דער פראָצעס פון די אָבו-
כאָווער אַרבייטער—די אכזריות פון דער פּאָליציי, וואָס האָט געשאָסען
אויף אונבעוואַפענטע אַרבייטער, וועלכע האָבען דאָס בשום אופן ניט
אַרויסגערופען,ביידע יאַקוטסקער פראָצעסען — דעם אונבעגרענצטען
אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר בנוגע צו די פערשיקטע א. ז. וו. נאָר אויסער
דעם האָבען אַנדערע פראָצעסען נאָך אַ'ן אַנדער געווינס פאַר די אַרעס-
טירטע, וועלכער קומט אונגעריכטערהייט בעת'ן פראָצעס גופא אָדער
בעת דער פערברעך איז פאָרגעקומען, צ. ב. די „דיעלע" וועגען דער
פראָפּאַגאַנדע צווישען דעם מאָסקיווער מיליטער גיט אַ בילד פון דער וזשאַנ-
דאַרמישער נאָכפאָרשונג, די יאַקוטסקער הריגה דעקט אויף די אונגע-
וועהנליכע אכזריות פון די רעגירונגס-אַגענטען, דער יאַקוטסקער פראָ-
צעס פון 1904—זייערע המאות און פאַלשקייט א.ז.וו. נאָר ווען דער אַרעס-
טירטער בעטייליגט זיך אין געריכטס-פראָצעס, ניט אַלס אָנגעקלאָגטער צד,
וועלכער זוכט זיך צו פערטהיידיגען, נאָר פערקעהרט, אַלס דער צד,
וועלכער פאַלט אָן, נאָר דעמאָלט בעקומט ער די געלעגענהייט אַרויס-
צוטרעטען מיט אַ שאַרפער קריטיק. נאָר אַזוי ווי ניט יעדע „דיעלע" גיט
גענוג מאַטעריאַל דערצו, און אַזוי ווי ניט ביי אַלע פראָצעסען איז די
אייגענע אַרט ריכטער און זייער אויפפיהרונג איז אויך ניט אומעטום די
אייגענע, פערשטעהט זיך, אַז אונזער טאַקטיק ביים געריכט דאַרף אויך
ניט זיין שטענדיג די זעלביגע. פונדעסטוועגען קען מען אָנווייזען צוויי
פרינציפען, ביי וועלכע עס דאַרפען זיך האַלטען די אָנגעקלאָגטע.

ע ר ש ט ע נ ס: פערהיטען די ווירדע, די עהרע פון דער רעוואָלו-
ציאָנערער פאַרטיי.

צ ו ו י ט ע נ ס: ווי ווייט מעגליך שפּאָרען די קרעפטען פון די
רעוואָלוציאָנערען.

ווען ביידע פרינציפען זאָלען אין אַ וועלכען ניט איז פאַל סותר
זיין איינער דעם אַנדערען, מוז מען בלא ספק האָבען אין זינען דעם
ערשטען; ווען עס שטעהט פאַר דעם אַרעסטירטען די ברירה: אָדער
ערפילען די ערשטע אָדער די צווייטע פאָדערונג—ווען למשל ביידע אין
איינעם קענען ניט אויסגעפיהרט ווערען -- איז ניטאָ וואָס צו קלעהרען
וועגען שפּאָרען די רעוואָלוציאָנערע קרעפטען. נאָר ווען זיי זיינען ניט סותר
איינער דעם אנדערן, איז מען מחויב צו געדענקען אויך דעם צווייטען פרינציפ

די עהרע פֿון דעם רעװאָלוציאָנער, די עהרע פֿון דער פּאַרטיי פֿאָרערט קודם כּל, אַז מיר זאָלען בײַם געריכט װײַטער פֿיהרען אונזער קאַמפֿ, װעלכען מיר האָבען געפֿיהרט פֿריהער. נאָר די זעלביגע עהרע פֿאָדערט, אַז אין דעם פֿאַל, װען עס איז אונמעגליך אויפֿצוטהאָן װאָס ניט איז אין דעם פּרט, װען דער געריכט איז ניט מעהר װי אַ נידערטרעכטיגע קאָמעדיע—אָבצוזאָגען זיך פֿון יעדען אַנטייל אין דעם פּראָצעס.

מיר בעגעגענען אָפֿט אין דער געשיכטע פֿון די פֿריהערדיגע פּאָליטישע פּראָצעסען, אַז די אָנגעקלאָגטע פּלעגען זיך אָבזאָגען פֿון יעדען אַנטייל אין דעם געריכטס-פּראָצעס. אַזוי, צ. ב., האָבען געטהאָן די, װאָס האָבען זיך גע׳משפּט װעגען דער „דיעלע“ פֿון בראַנטנער, סטעבלין-קאַמענסקי, דעבאַגאָרי-מאָקריעװיטש און אַנדערע, און אויך װעגען דער „דיעלע“ פֿון אָסינסקי, לעשערן-פֿאָן-גערצפֿעלד און אַנדערע. דער משפּט פֿון די 193 האָט מען געזאָלט פֿיהרען בײַ פֿערמאַכטע טירען, נאָר צוליעב דער ערקלעהרונג פֿון אייניגע אַדװאָקאַטען און דעם פּראָטעסט פֿון טשערנישעװסקי, װעלכען ער האָט געמאַכט אין נאָמען פֿון אַלע אָנגעקלאָגטע, האָט מען איבערגעביטען דיזען בעשלוס, און דער משפּט איז פֿאָרגעקומען בײַ אָפֿענע טירען, אַחוץ דעם משפּט פֿון אייניגע אָנגעקלאָגטע (סובאָטינאַ, יעמיעליאַנאָװאַ, טאַרנאָװסקי און שטשעגלאָװ). די אָנגעקלאָגטע זיינען פֿאַנאַנדערגעטיילט געװאָרען אין 17 גרופּען, און יעדער גרופּע האָט מען גע׳משפּט בעזונדער. די מעהרהייט האָט זיך צוליעב דעם אָבגעזאָגט פֿון יעדען אַנטייל אין געריכטס-פּראָצעס און פֿון צו געבען בעװײַזונגען. דערפֿאַר האָט מען זיי אַרויסגעפֿיהרט פֿון געריכטס-זאַל.

בײַ׳ם פּראָצעס פֿון הערמאַן לאָפּאַטין און זיינע חברים, האָט לאָפּאַטין אויסגענוצט די געלעגענהייט, װאָס ער איז געזעסען אין איינעם מיט זיינע חברים אין געריכטס-זאַל, און געבעטען בײַ זיי מחילה דערפֿאַר, װאָס ער איז געװען די סבה פֿון זייער אַרעסט, װײַל בײַ׳ם אַרעסטירען האָט מען בײַ איהם געפֿונען אַ צעטעל מיט אדרעסען; אויסער דעם האָבען די אָנגעקלאָגטע בכיון געטומעלט אין געריכטס-זאַל, בדי מען זאָל זיי פֿון דאָרטען אַרויספֿיהרען; נאַטירליך, האָבען זיי דאָס דערגרייכט. בײַ׳ם פּראָצעס װעגען דער ערמאָרדונג פֿון מעזענצאָװ, האָט מאַריאַ קאָלענקינאַ איבערגעשלאָגען דעם פּראָקוראָרס רעדע מיט דעם אויסרוף: „דאָס איז אַ׳ן אונפֿערשעמטער ליגען!“, און האָט געפֿאָדערט, מען זאָל איהר אַרויספֿיהרען פֿון געריכטס-זאַל.

די לעצטע פּראַקטיק פֿון אייניגע פּאָליטישע פּראָצעסען, װי צ. ב. פֿון דער זלאַטאָאוסטער הריגה אָדער פֿון אַזוינע, פֿון װעלכע מען קען אייגענט-

ליך גיט אָנרופֿען פּאָליטישע פּראָצעסען (די באַרקאָווער און פּאָלטאַוער בויערען-אונרוהען אָדער דער קישינעווער פּאָגראָם), בעוויזען אונז, אַז אפילו די אַדוואָקאַטען הייבען אָן אַלץ עפֿטער צו בענוצען זיך מיט דיזען מיטעל — אָבזאָגען זיך פֿון צו פֿערטהיידיגען די אָנגעקלאָגטע, ווען זיי זעהען אויף קלאָר, אַז די ריכטער סטאַרען זיך צו מישפּט'ן ניט נאָך'ן יושר און געזעץ, נאָר זעהען, פֿערקעהרט, וואָס טיעפֿער צו בעגראָבען דעם אמת.

אודאי זיינען געווען, עס קומען איצט פֿאָר און עס וועלען פֿאָרקומען אַ סך פּראָצעסען, ביי וועלכע דער בעסטער און ווירדיגסטער מיטעל פֿאַר די רעוואָלוציאָנערען וועט זיין אָבצוזאָגען זיך פֿון יעדען אַנטייל אין געריכטס-פּראָצעס. נאָר דיזער מיטעל איז שטענדיג ביי זיי אין האַנד, און זיי וועלען שטענדיג צייט האָבען אויסצונוצען איהם, ווען זיי וועלען געפֿינען פֿאַר נויטיג. אָבער קודם כל דאַרפֿען זיי פּרואווען אַרויסצוטרעטען ביי'ם געריכט מיט דער שאַרפֿסטער קריטיק געגען דער היינטיגער אָרדנונג, צו פֿיהרען דאָרטען אַ'ן אַגיטאַציע.

האָבען די רעוואָלוציאָנערען בעשלאָסען ניט אָבצוזאָגען זיך פֿון אַ'ן אַנטייל אין דעם געריכטס-פּראָצעס, מוזען זיי ענדערען זייער טאַקטיק לויט נאָך דעם, ווי די פֿערהעלטניסען ווייזען. קודם כל מוז דער רעוואָלוציאָנער געבען זיך אַליין אַ'ן ענטפֿער אויף די פֿאָלגענדע פֿראַגען: 1) צו זאָל ער איינלאַדען אַ'ן אַדוואָקאַט; 2) צו זאָל ער זיך מודה זיין אָדער אָבלייקענען דעם פֿערברעך, אין וועלכען מען בעשולדיגט איהם; 3) צו זאָל ער אויסדערצעהלען פֿאַר'ן געריכט אַלע פּרטים פֿון זיין טהעטיגקייט, פֿאַר וועלכע מען משפּט איהם — געוועהנליך אויף ווי פֿיעל דאָס איז מעגליך, ניט שאַדענדיג דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג און אַנדערע מענשען — אָדער נאָר מודה זיין זיך בכלל, ניט אויסרעכענענדיג די פּרטים; 4) צו זאָל ער אַליין אויך שטעלען פֿראַגען די עדות, אָדער ער זאָל שווייגען ביי'ם פֿערהער פֿון די עדות: 5) צו זאָל ער אַליין האַלטען אַ'ן אַגיטאַציאָנס-רעדע, אָדער אָבזאָגען זיך פֿון לעצטען וואָרט.

בנוגע צו דער ערשטער פֿראַגע, האַלטען מיר, אַז אָבזאָגען זיך פֿון אַ'ן אַדוואָקאַט האָט געוויס קיין שום טעם ניט. למאי זאָל מען זיך אין גוטען מוטה אָבזאָגען פֿון אַ געניטען מענשען, וועלכער האַלט אייער צד, וועלכער וועט זיך בעסער פֿון אונז אַלעמען איינקירעווען מיט דער „דיעלע" און זעהען אַרויפֿצוּוואַרפֿען אַ חשד אויף די עדות, אויפֿווייזען די פֿאַלשקייט פֿון די רעגירונגס-אַגענטען, און אויף ווי פֿיעל מיר וויסען די לעצטע פּאָליטישע פּראָצעסען, איז קיינער פֿון זיי ניט פֿאָרגעקומען אָהן דעם אַנטייל פֿון אַדוואָקאַטען, און אַ סך פֿון זיי האָבען

געקראָגען גרויסע געניטקייט אין פּאָליטישע פּראָצעסען, און די נוצען, וועלכע זיי האָבען געבראַכט דורך זייערע אויסגעצייכענטע רעדעס דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, איז געוויס ניט קלענער פון דעם שאַ-דען, וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט זייער „רעפּוטאַציע" אין די אויגען פון דער רעגירונג. נאָר מען מוז דערביי בעמערקען, אַז הגם די אַדוואָקאַטען שטעהען שטאָל און אייזען פאַר די אינטערעסען פון זייערע פּאָליטישע קליענטען, האָבען זיי אָבער איין חסרון: זייער פּראָפעסיאָנעלער געפיהל, זייער בעגעהר צו דערשלאָגען זיך ווי ווייט מעגליך, אַז דער אָנגעקלאָגטער זאָל אַרויס ריין אָדער לכל הפחות עס זאָל איהם געגעבען ווערען וואָס אַ קלענערער פּסק, בעוועגט זיי איינ-צורעדען די אָנגעקלאָגטע, אַז זיי זאָלען ניט האַלטען קיין אַגיטאַציאָנס-רעדעס, ניט אַרויסזאָגען זייערע איבערצייגונגען און כדומה. זיי שלאָ-גען פאָר די קליענטען צו שווייגען, כדי ניט צו שטערען די אַדוואָקאַ-טען אויסצופיהרען זייער זאַך. אַזוי איז געוועזען צ. ב. אין מאָסקווער פּראָצעס וועגען פּראָפּאַגאַנדע צווישען מיליטער, אין דעם ניזשעגאָראָ-דער, קאָוונער פּראָצעסען און איינינע אַנדערע. אונז דוכט זיך, אַז די רעוואָלוציאָנערען דאַרפען בשום אופן ניט פאָלגען אַזוינע עצות, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס האַלטענדיג זיך ביי אַזאַ טאַקטיק, קען מען אַמאָל אַרויס אין גאַנצען ריין אָדער לכל הפחות בעקומען אַ סך אַ קלענערען פּסק. זיי דאַרפען האָבען אין זינען נאָר די אויבענדערמאָנטע פּרינצי-פּען: פערהיטען די ווירדע און די עהרע פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און ווייטער פיהרען דעם פריהערדיגען קאַמפּף. דעמאָלט ווע-לען די אַדוואָקאַטען זעהען אין זייערע פערטהיידיגונגס-רעדעס צוצופּאַ-סען זיך צו אַזוינע אָנגעקלאָגטע, און ניט פערקעהרט. אויך דאַרף מען בשום אופן ניט דערלאָזען, אַז די אַדוואָקאַטען זאָלען זיך שטיצען אויף דעם, וואָס די אָנגעקלאָגטע זיינען נאָך צו יונג אָדער צו ווייניג ענט-וויקעלט און פאָדערען צוליעב דעם צו פערגרינגערען דעם פּסק.

דער ענטפער אויף די אַנדערע 4 פראַגען, ווענדט זיך נאָר אָן די פערהעלטניסען, ביי וועלכע דער פּראָצעס קומט פאָר. מען קען צ. ב. ניט מודה זיין זיך אין דער בעשולדיגונג, און פונדעסטוועגען אָפען אַרויסזאָגען די אייגענע איבערצייגונגען, ד. ה. האַלטען אַ׳ן אַגיטאַ-ציאָנס-רעדע. אַזוי האָבען געטהאָן צ. ב. באַטורינאַ און סאָקאָ-לאָוואַ ביי׳ם מאָסקווער פּראָצעס.

מען קען זיך מודה זיין אין דעם פאַקט, אין וועלכען מען בעשול-דיגט (צ. ב. אין דעם אַנטייל אין אַ דעמאָנסטראַציע) נאָר ערקלעהרען, אַז מען האַלט עס ניט פאַר אַ פערברעך, און נאָכדעם בענוצען זיך מיט׳ן לעצטען וואָרט, דאָס טהוען דאָס רוב אָנגעקלאָגטע ביי׳ם גע-

ריכט, צ. ב. די ניזשעגאָראָדער, סאַרמאָווער און סאַראַטאָווער דעמאָנס-טראַנטען האָבען ניט אָבגעליי̆קענט, אַז זיי האָבען טאַקי אַ'ן אַנטייל גענומען אין די דעמאָנסטראַציעס, נאָר זיי האָבען דערביי אויך געזאָגט, אַז זיי האַלטען זיך ניט פֿאַר שולדיג אין וואָס עס איז. ביי'ם פּראָצעס פֿון די־50 (1877) האָבען דאָס רוב מודה געווען, אַז זיי זיינען רעוואָ-לוציאָנערען, האָבען אָבער אויך ערקלעהרט, אַז דאָס, אין וואָס מען בעשולדיגט זיי, האַלטען זיי ניט פֿאַר אַ פֿערברעך; פֿון בעווייזונגען האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט, און רעדעס האָבען זיי געהאַלטען. אָט, ביי אַזאַ טאַקטיק האָבען זיך געהאַלטען ל. גאָלדמאַן מיט די חברים אין דעם פּראָצעס וועגען דער קישינעווער דרוקעריי פֿון „איסקראַ".

אָט, אין די אַלע פֿאַלען, ווי אין צעהנדליגער אַנדערע, האָבען די אָנגעקלאָגטע ניט געגעבען קיינע ערקלעהרונגען וועגען דער „דיעלע", האָבען זיך ניט געמישט אין פֿערהער פֿון די עדות. פֿערקעהרט, אין פּראָצעס פֿון 1-טען מערץ 1881 האָבען די אָנגעקלאָגטע ניט נאָר מודה געווען וועגען זייער אַנטייל אין דער ערמאָרדונג פֿון אלכסנדר דעם 2-טען, נאָר אויך, כדי אויפֿצואווייזען דעם אמת, האָבען זיי דערצעהלט פּער-שיעדענע פרטים פֿון זייער טהעטיגקייט, האָבען אפילו אָנגערופֿען, ווער עס האָט זיי מיטגעהאָלפֿען, האָבען זיך אַריינגעמישט אין דעם פֿערהער פֿון די עדות און די עקספּערטען, און ענדליך האָבען זיי אויסגענוצט ביי'ם סוף זייער רעכט פֿון לעצטען וואָרט.

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז אַ מאָל איז נוצליך אָדער אפילו נויטיג צו דערצעהלען ביי'ם געריכט איינינע פרטים, נאָר דאָס דאַרף, נאָך אונזער מיינונג, געטהאָן ווערען נאָר דאַן, ווען דאָס איז נויטיג אויף אויפֿצודעקען די פֿאַלשקייט פֿון די רעגירונגס-אַגענטען און ווען דאָס קען אויף אַ האָר ניט ברייגגען דעם מינדעסטען שאָדען, ניט דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג און ניט אַנדערע מענשען. שטעלען זיך אָבער בייס געריכט פֿאַר אַ ציעל אויפֿצואווייזען דעם היסטאָרישען אמת, איז אין גאַנצען איבעריג, דערויף איז דאָ די פּעריאָדישע אונלעגאַלע פּרעסע, וואו מען קען דורך קאָרעספּאָנדענציעס אויפֿווייזען דעם ריי-נעם אמת.

אונז איז געבליבען אַרומצוטראַכטען נאָך איין פֿראַגע: ווען עס איז ניטאָ געגען וועמען עס איז קיין ראיות און בעווייזונגען, און מען קען זיך ריכטען, אַז ער וועט וואַהרשיינליך אַרויס ריין, צו דאַרף ער צוליעב'ן בעגעהר צו ליידען צוזאַמען מיט זיינע חברים אויפֿדע-קען פֿאַר'ן געריכט זיינע איבערציינונגען און ערקלעהרען זיין סאָלידאַריטעט מיט די חברים, אָדער זיך אפילו מודה זיין אין געוויסע זאַכען. דער געפֿיהל, וועלכער הייסט ביי אַזאַ פֿאַל אָפֿען אַרויסזאָגען

זיך, איז גאַנץ נאַטירליך, נאָר דער געזונדער שכל זאָגט, אַז נאָך איין רעוואָלוציאָנערע רעדע ביי׳ם געריכט האָט ניט קיין גרויסע אַגיטאַציאָנס-בעדייטונג, און דערווייל ווערען מיר אָן אומזיסט-אומגישט אַ טהוער— און רעוואָלוציאָנערע טהוערס האָבען מיר ניט קיין איבעריגע. „אַז די אָנגעקלאָגטע האָבען גענומען ריידען דעם לעצטען וואָרט, שרייבט אַ ר כ אַ נ ג ע ל ס ק אַ י אַ, איינע פון די, וועלכע זיינען אין גוטען מוטה אַליין געקראָכען אין פייער און האָבען אָנגענומען דעם גזר-דין פון זייערע חברים (דער סאַראַטאָווער פּראָצעס) — האָב איך מיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָב געזאָגט, אַז איך האַלט מיך אויך ביי די זעלבי-גע איבערצייגונגען. עס קען געמאָלט זיין, אַז נאָר דערפאַר האָט מען מיך פער׳משפט, ווייל איך בין ניט געווען אויף דער דע-מאָנסטראַציע, און דאָס איז בעוויזען געוואָרען מיט עדות. פאַר איין וואָרט געה איך אין סיביר, נאָר מיר פערדריסט ניט דערויף און איך האָב קיין חרטה ניט".

אודאי זיינען נאָר אין רוסלאַנד מעגליך אַזוינע פאַלען, אַז מען זאָל אין אַ פּראָצעס איבער דעמאָנסטראַנטען פער׳משפט׳ן אַ מענ-שען, וועלכער איז ניט בעגאַנגען קיין שום פערברעך, נאָר פאַר זיי-נע איבערצייגונגען, — וואָס דאָס איז געגען די גרונד-פּרינציפּען פון דער געזעצגעבונג.

און עס טהוט שטאַרק וועה די האַרץ, וואָס אַ רעוואָלוציאָנערער טהוער ווערט אויף אייביג פערשיקט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט גע-קענט זיך איינהאַלטען, בעת מען האָט געדאַרפט.

אַ קאַססאַציע. באַלד נאָך׳ן פּראָצעס קומט ביי אַנדערע אויף די פראַגע וועגען אַ קאַססאַציע. אָנגעבען אַ קאַססאַציע הייסט, ווי עס איז בעקאַנט, קלאָגען זיך פאַר אַ העכערער אינסטאַנץ געגען דעם אַרויסגעגעבענעם פּסק; אָנגעבען אַ קאַססאַציע קען מען נאָר דאַן, ווען עס איז דאָ אַ׳ן אויסרייד, אַז דער געריכט האָט ניט אָבגעהיט אַלע רעגעלען וועגען געריכטס-פיהרונג. ווען די טענה ווערט אָנגענומען, גיט מען די „דיעלע" איבער אויף איבערצוקוקען, אָדער אין אַ׳ן אַנדער גע-געריכטס-איינריכטונג, אָדער אין די זעלביגע, נאָר מיט אַנדערע ריכטער.

די פראַגע וועגען אַ קאַססאַציע קומט אויף ביי די רעוואָלוציאָנע-רען דעמאָלט, ווען דער פּסק איז זעהר אַ האַרטער, אויך וועלכען מען האָט זיך ניט געריכט, אָדער ווען די ריכטער האָבען עובר געווען אויף די עלעמענטאַרסטע רעגעלען וועגען געריכטס-פיהרונג. אין דעם לעצ-טען פאַל געלוסט זיך זעהר שטאַרק אויפצודעקען די פאַלשקייט פון די ריכטער, זייער אונזעלבסטשטענדיגקייט, צו בעווייזען, ווי ווייט זיי פער-קויפען דעם יושר און דעם אמת.

„מיר האָבען אַ סך געטראַכט וועגען דעם, צו זאָלען מיר אָנגעבען אַ קאַססאַציע — שרייבט דער מחבר פֿון דעם איבענדערמאָנטען בריעף, איינער פֿון די אָנגעקלאָגטע אין ניזשעגאָראָדער פּראָצעס — מיר האָבען גערעכענט, אַז אַ קאַססאַציע איז נויטיג אָנצוגעבען צוליעב דעם, כדי צו בעווייזען נאָך אַ מאָל, אַז ביי אונז זיינען ניטאָ קיינע געזעצען, אַז ביי אונז הערשט דער ווילקיר, אַז אפילו אַזאַ הויכע געריכטס-איינריכטונג, ווי דער סענאַט, איז ניט מעהר ווי אַ שפּיעלצייג אין די הענד פֿון דער רעגירונג, און אַז ער איז קאַפּאַבעל יעדע מינוט אויסצוראַמען מיט׳ן וואָרצעל יענע געזעצען, וועלכע ער האָט געזאָלט אייגענטליך פֿערהיטען. אַרומקלעהרענדיג די מעלות פֿון אַ קאַססאַציע, האָבען מיר אָבער דערביי פֿערגעסען, אַז זי קען האָבען אַ שלעכטע ווירקונג איוף די ווייניג ענטוויקעלטע מאַסען, וועלכע זיינען ניט קלאָר אין די יוריסטישע פּלפּולים, און וועלכע קענען אונז חושד זיין אין אַ זאַך, וואָס עס איז אונז אין זינען ניט געלעגען, דהיינו, אַז מיר ווילען פֿערגרינגערען אונזער גזר-דין. אַזאַ רעזולטאַט, וועלכער וואָלט ערנידעריגט די שטימונג, וואָס די דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט, האָט זיך, פֿערשטעהט זיך, אונז שטאַרק ניט געוואָלט. און אַז מיר האָבען בעסער אַרומגעטראַכט דיזען ענין, האָבען מיר זיך אין גאַנצען אָבגעזאָגט פֿון אַ קאַססאַציע. אַ קאַססאַציע האָבען אָנגעגעבען נאָר יענע, וועלכע האָבען ערקלעהרט ביי׳ם געריכט, אַז זיי האָבען גענומען אַ׳ן אַנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע, ניט וויסענדיג אַליין, צוליעב וואָס״.

„איסקראַ״ גופא איז אָבער ניט אין גאַנצען מסכים מיט דער מיינונג פֿון דעם מחבר פֿון דעם „בריעף״ און האַלט, אַז אַ קאַססאַציע מעג מען אָנגעבען יעדען מאָל, ווען מען פֿער׳משפּט איינעם, ניט האָבענדיג געגען איהם קיין ראיות. „עס פֿערשטעהט זיך — זאָגט „איסקראַ״ — אַז מען דאַרף זיך סטאַרען (דורך אַ קאַססאַציע) אַרויסצוגעהען ריין. דאָרטען וואו מען קען נ י ט ע ן די ריכטער אַרויסצולאָזען פֿריי, מחמת עס פֿעהלען בעווייזונגען, דאַרף מען דאָס טהאָן, ווייל מיר זיינען צו אָרעם אין כחות, און מיר טאָרען זיי ניט אַוועקגעבען מיט׳ן גוטען ווילען צום שונא אין די הענד. דער טאַקט פֿון דעם רעוואָלוציאָנער, זיין רעוואָלוציאָנערער חוש דאַרף איהם אונטערזאָגען, ווען ער דאַרף אויפֿהערען צו זוכען אַ שוץ ביי׳ם געזעץ״.

פּרינציפּיעל איז „איסקראַ״ גערעכט, און מען קען געגען דעם גאָר ניט האָבען, נאָר די מעשה איז, וואָס נ ו י ט י ג אַרויסצולאָזען פֿריי דעם בעשולדיגטען, מחמת עס פֿעהלען די בעווייזונגען — דערויף האָבען די רעוואָלוציאָנערען קיין שום מיטלען ניט. די ערפֿאַהרונג האָט בעוויזען, אַז די ק אַ ס ס אַ צ י ע ב ל י י ב ט ש ט ע נ ד י ג אָ ה ן אַ ש ו ם

פּעולה. לכל הפּחות קענען מיר זיך ניט דערמאָנען ניט איין פֿאַל, ווען די קאַססאַציעס, וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען אָנגעגעבען, זאָלען ברייגגען אַ וועלכען עס איז רעזולטאַט. און קאַססאַציעס זיינען אין די לעצטע יאָהרען אָנגעגעבען געוואָרען ביי פּאָליטישע פּראָצעסען ניט קיין ביסעל (צ. ב. פֿון אייניגע פֿון די ניזשעגאָראָדער און סאָרמאָווער דעמאָנסטראַנטען און אַנדערע). במילא קומט אויס, אַז עס האָט ניט קיין זינען אָנצוגעבען אַ קאַססאַציע, וואָס דער עולם קען אַ מאָל פערשטעהען פֿאַלש און רעכענען, אַז די רעוואָלוציאָנערען האָבען דאָס געטהאָן, כדי צו פֿערגרינגערען זייער גזר דין.

עס איז פֿאָרגעקומען עטליכע מאָל, אַז מען האָט אין גאַנצען מחל געווען אָדער פֿערגרינגערט דעם אורטייל, ווען מען האָט אָנגעגעבען אַ בקשה צום קייסער. נאָר וועגען אַזאַ גאַנג קענען ניט זיין קיין צוויי מיינונגען. אַזעלכע אַקטען, וועלכע דערווייזען, אַז די, וואָס טהוען דאָס, זיינען פּייגע מענשען אָהן אַ שום רעוואָלוציאָנערער שטייפֿקייט און עהרע, מוזען אָהן רחמנות און שטרייננג פֿעראורטיילט ווערען פֿון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע און פֿון אַלע חברים.

IV.

די שפּיאָנען ביי'ם געריכט.

מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, אַז אַלערליי מינים פֿון די האָכגעשעצטע אַגענטען פֿון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט קומט אָפּט אויס אַרויסצוטרעטען ביי פּאָליטישע פּראָצעסען אַלס עדות, געוועהנליך, ניט פֿון דעם צד פֿון די אָנגעקלאָגטע. „שפּיאָנען! וואָס קען זיין נידערטרעכטיגער?" רופֿט אויס דער אונגליקליכער חסר-דעה קראַוואָוצאָוו ביי מ. גאָרקין. נאָר ניט משוגעים אַליין קלערען אַזוי פֿון שפּיאָנען. ביי אַזאַ אָדער כמעט ביי אַזאַ מיינונג האָט זיך געהאַלטען אפילו... די רוסישע רעגירונג, לכל הפּחות, אין דער גוטער אַלטער צייט. „דעם 24-טען אַפּריל 1849, דערצעהלט סעמאָווסקי, אויף מאָרגען נאָך'ן אַרעסט פֿון די פּעטראַשעווצעס, האָט דער קייסער אַזוי געזאָגט צו צוויי מיטגליעדער פֿון רעגירונגס-ראַטה: „די אונטערזוכונג וועט דאָס אַלץ בעווייזען, איך וויס נאָר איין זאַך: אַז אויף די פּאָליציי קען מען זיך דאָ ניט פֿערלאָזען, ווייל זי האָט זעהר ליעב כאַבאַר, און אויף די

שפּיאָנען נאָך וויניגער, ווייל דער, וואָס פֿערקויפֿט זיין עהרע פֿאַר געלד,
איז פֿייהיג אויף יעדען פֿערראַטה". ניט וויניגער שאַרף האָט זיך אויס-
געדריקט מיט 23 יאָהר צוריק דער נאַטשאַלניק פֿון דער „דריטער אָטדע-
לעניע" ש ו ל ץ. אין דער צייטונג „גאָלאָס" פֿון 22-טען פֿעברואַר 1881
האָט ער אָבגעדרוקט אַזאַ מין סאָרט הודעה: „איינִיגע צייטונגען, בע-
שרייבענדיג די אומשטאַנדען, ביי וועלכע מען האָט אַרעסטירט אין
פּ ע ט ע ר ב ו ר ג דעם געהיימען אַגענט פֿון דער „דריטער אָטדעלעניע"
ק ל ע ט אָ ט ש נ י ק אָ ו ו אָדער ק ל ע ט אָ ט ש ק י ן, וועלכער האָט געהאַט,
ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַ'ן אויפֿטראַג מיט די סאָציאַליסטען,
רופֿען איהם אָן ב ע אַ מ ט ע ר פֿון דער געוועזענער „דריטער אָטדעלעניע".
וועלענדיג בעוואָרענען מייגע געוועזענע מיטאַרבייטער פֿון אַ ש ע נ ד-
ל י כ ע ן און ניט פֿערדיענטען טיטעל, האַלט איך פֿאַר אַ פֿפֿליכט צו
ערקלעהרען, אַז ביז דער צייט, ווען איך האָב פֿערלאָזען מיין שטעלע
אַלס פֿערוואַלטער פֿון דער „דריטער אָטדעלעניע", ד. ה. ביז נאָוועמבער
1878, האָבען די בעאַמטע פֿון דיזער איינריכטונג ניט געהאַט קיין שום
שיכות צו די געהיימע אַגענטען און זיי האָבען זיך בעשעפֿטיגט אויס-
שליסליך מיט דער קאַנצעליאַרסקער אַרבייט און די 4 ווענד פֿון דער
„דריטער אָטדעלעניע".

בקיצור, דעמאָלט האָט די רעגירונג געהאַט אין דיזען פּרט וויני-
גער היצפּה, איידער די איצטיגע רעגירונג. הגם זי האָט זיך אויף
אַלערליי אופנים בענוצט מיט די טובות פֿון די שפּיאָנען און פֿעררע-
מהער, פֿונדעסטוועגען האָט זי זיי ניט געקענט ליידען און האָט געקוקט אויף
זיי, ווי אויף נידעריגע ברואים, אַזוי ווי דער עולם פֿעראַכטעט, נאַטיר-
ליך, די שפּיאָנען נאָך מעהר, איידער די רעגירונג, און דער עקר, זי בייט
ניט אַזוי אָפֿט די מיינונג וועגען זיי, ווי די רעגירונג, איז געווען אַ
גאַנץ גוטער שכל פֿון דעם יוסטיץ-מיניסטעריום, וואָס ער האָט פֿאַנאַנ-
דערגעשיקט צו אַלע פּראָקוראָרען פֿון די סודעבנע פּאַלאַטעס אין מערץ
1876 פֿאָלגענדען געהיימען צירקולאַר: „די פֿריהערדיגע פּראַקטיק האָט
בעוויזען, אַז ביי די פּאָליטישע פּראָצעסען דאַרף מען זעהר אָפֿט
נעהמען פֿאַר עדות די מענשען, מיט וועמעס טובות עס בענוצט זיך
די געהיימע אויפֿזיכט, וועלכע איז אַזוי נויטיג אויף צו ענטדעקען אַזוינע
מאָרטען פֿערברעכען. אַזוי ווי די פּראָצעסען וועגען מלוכה-פֿערברע-
כען ווערען געפֿיהרט אין אַ בעזונדערער אָרדנונג און פֿון ריכטער,
וועלכע פֿערדיענען דעם גנעדיגען צוטרוי פֿון דעם קייסער, און אַזוי
ווי ביי אַזעלכע פּראָצעסען געפֿינען זיך אין געריכטס-הויז מענשען,
וועלכע געוויסע שיכטען פֿון אונזער געזעלשאַפֿט, מחמת זייער אונ-
ענטוויקעלטקייט און מחכות זיי פֿערשטעהען ניט די וויכטיגקייט פֿון די

אויפֿגאַבען, וועלכע די געהיימע רעגירונגס-אַגענטען ערפֿיעלען, קענען שענדען דיזע אַגענטען מיט דעם נידעריגען נאָמען „שפּיאָן"; און כּדי דיזע אומשטאַנדען זאָלען ניט אַרויפֿוואַרפֿען דעם קלענסטען חשד אויף די ריכטער, אַז זיי ערפֿיעלען ניט זייער גרויסען און הייליגען חוב על פּי יושר און על פּי דין, און כּדי דער בעסטער טייל פֿון דער באמת ענטוויקעלטער רוסישער געזעלשאַפֿט זאָל ניט אויפֿהערען צו שיינקען איהר צוטרוי, וועלכען דיזער העכסטער געריכט פֿערדיענט — בעפֿעהל איך אייער עקסעלענץ, איהר זאָלט וויסען און געדיינקען, אַז נעהמען פֿאַר עדות די אויבענדערמאָנטע אַגענטען דאַרף מען נאָר אין אויס-נאַהמס-פֿאַלען, און איך בעט אייך, געעהרטער הערר, אַז איהר זאָלט וועגען דעם מודיע זיין אין מיין נאָמען אַלע בעאַמטע פֿון דעם פּראָקוראָר-אויפֿזיכט, וועלכע שטעהען אין אייער רשות. יוסטיץ-מיניס-טער שטאַאַטס-סעקרעטאַר, גראַף פּאַלען". אַ'ן אַגענט איז ניט קיין שפּיאָן! אַזוי וויל איינשמועסען דער יוסטיץ-מיניסטער די פּראָקיראָרען. נאָר מחמת זייער אונענטוויקעלטקייט קענען געוויסע שיכטען פֿון אונזער געזעלשאַפֿט שענדען זיי מיט'ן נידעריגען נאָמען „שפּיאָנען".

אָט אַזוי איז פֿעסט איבערצייגט דער גראַף פּאַלען. נאָר — אַ'ן אמת'ער צער! די רוסישע געזעלשאַפֿט איז נאַריש, אונענטוויקעלט, צו קינדעריש און קען ניט פֿערשטעהען די וויכטיגקייט פֿון די אויפֿגאַבען, וועלכע די געהיימע רעגירונגס-אַגענטען האָבען אויסצופֿיהרען, און, אַזוי צו אַזוי, נאָר די רעגירונג מוז זיך רעכענען ווי פֿיעל ניט איז מיט דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג. און אויך איצט, ווען דער אויסנאַהם איז געוואָרען צו אַ שטענדיגע ערשיינונג, ווען די שפּיאָנען קופּריאַ-נאָוו'ס, אָסיפּאָוו'ס סאָלאָוו'ס און נאָך אַזוינע אויסוואורפֿען זיינען געוואָרען שטענדיגע אורחים כמעט ביי יעדען פּאָליטישען פּראָ-צעס, סטאַרעט מען זיך צו פֿאַרמאַסקירען זייער „נידעריגע" פּראָפֿעסיע מיט בנעימות'דיגע נעמען: „דער בויער פּאָזדניעוו", „דער זאַ-פּאַסנער סאָלדאַט קופּריאַנאָוו" און כּדומה. דאָס טהוט מען, ניט כּדי צו פֿערבאָרגען די אמת'ע צורה פֿון דיזע אַגענטען פֿון אַ פֿרעמ-דער אויג, דען די אמת'ע ראָלע פֿון דיזע חברה-לייט, ווי באַלד זיי טרעטען אַרויס ביי'ם געריכט אַלס עדות, איז קלאָר אי פֿאַר די אַדוואָ-קאַטען, אי פֿאַר די אָנגעקלאָגטע און אי פֿאַר די ריכטער, נאָר כּדי כאָטש אויף ווי פֿיעל עס איז צו פֿערדעקען מיט אַ פֿייגענבלאַט די חרפּה, וועלכע וואַרפֿט אַרויף אַ חשד אויף די ריכטער, „וואָס פֿערדי-נען דעם גנעדיגען צוטרוי פֿון דעם קייסער". די אַדוואָקאַטען בעקומען דורך דעם די געלעגענהייט צו טרייבען ליצנות ביי דער כלומר'שט ערענסטער געריכטספֿיהרונג, אַראָבצושלעפען די מאַסקע פֿון די ריכטער,

וואָס „מִשפּט׳ן געשווינד, מיט יושר און מיט רחמנות״, און צו בעווייזען, אַז דאָס איז נאָר אַ קאָמעדיע. אָט, האָט איהר אייך לְמשל אַזאַ גע-שפּרעך צווישען די אַדוואָקאַטען מיט די עדות, וועלכער איז פֿאָרגע-קומען אין ניזשעגאָראָדער געריכטס-הויז ביי׳ם פּראָצעס פֿון די דעמאָנ-סטראַנטען אין מאַי 1902.

דער אַדוואָקאַט.—עדות, זאָגט מיר, צו דער צייט, בעת עס איז פֿאָרגעקומען די געשיכטע, וועלכע איהר דערצעהלט, זייט איהר געווען אַ׳ן אַגענט פֿון דער ושאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע?

דער עדות (וועלכער האָט געענטפֿערט מיט גדולת אויף די פֿראַגען פֿון דעם פּראָקוראָר).—דערויף קען איך אייך ניט ענטפֿערען.

דער אַדוואָקאַט.—וועהר פֿיין, אפשר קענט איהר מיר ענטפֿע-רען, צו האָט איהר דעמאָלט בעקומען אַ מתנה פֿון דער ושאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע?

דער עדות שווייגט.

דער פּאָרזיצענדער.—עדות, לויט דעם געזעץ, זייט איהר מחויב צו ענטפֿערען ניט נאָר אויף די פֿראַגען פֿון דעם פּראָקוראָר, נאָר אויך פֿון דעם אַדוואָקאַט.

דער עדות שווייגט.

דער אַדוואָקאַט.—זאָגט נאָר, צו האָט איהר ניט געגעבען דעמאָלט אָט יענעם און יענעם אַ׳ן אונלעגאַלע בראָשור?

דער עדות.—יע.

דער אַדוואָקאַט.—וועהר פֿיין, זאָגט מיר, צו איז ניט געווען אייער עסק פֿאַנאַנדערצוגעבען אייערע חברים אונלעגאַלע בראָשורען?

דער פּראָקוראָר.—איך פֿערשטעה ניט אַזוינע סאָרטען פֿראַ-גען.

דער פּאָרזיצענדער.—ניין, די פֿראַגע איז געשטעלט גע-וואָרען דייטליך. דער העררר אַדוואָקאַט פֿרעגט דעם עדות: צו איז ניט זיין שטענדיגער עסק פֿאַנאַנדערצוגעבען אונלעגאַלע בראָשורען?

דער עדות.—איך קען דערויף ניט ענטפֿערען.

ביי׳ם ראָסטאָווער מיליטער-געריכט איבער די דעמאָנסטראַנטען (דעם 2-טען מערץ 1903) זיינען די הויפּט-עדות, אויף וועמעס רייד עס איז געגרינדעט געווען די גאַנצע בעשולדיגונג, די שפּיאָנען פֿון דער ראָסטאָווער „אָכראַנער אָטדעלעניע״ (אין בעשולדיגונגס-אַקט ווערען זיי אָנגערופֿען אויף׳ן איידעלען לשון „בויערן״), גאָר ניט געקומען צום געריכט. עס איז שווער צו זאָגען אויף געוויס, פֿאַר וואָס זיי זיינען ניט געקומען: צו צוליעב דעם, ווייל מען האָט מורא געהאַט פֿאַר אַזוינע סצענקעס, ווי די אויבען-בעשריבענע, אָדער זיי זיינען געווען פֿערנומען

ביי זייער אַרבייט*, וואַהרשיינליך—צוליעב ביידע זאַכען, צוליעב דעם האָט זיך אויך אָבגעשפּיעלט אַ'ן אינטערעסאַנטע סצענקע. אויף די פֿראַגע פֿון דעם אַדוואָקאַט, פֿאַר וואָס זיינען ניט געקומען די הויפּט-עדות פֿון דעם פּראָקוראָרס צד, ענטפֿערט דער פֿאָרזיצענדער: „מיר האָבען דאָך בכתב זייערע בעווייזונגען". אויף די ענערגישע פֿאָדערונגען פֿון די אַדוואָקאַטען, ווערט פֿאָרגעליינט אַ פּאַפּיר פֿון דעם ראָסטאָווער פּאָליציימייסטער, אַז די עדות זיינען אַוועקגעפֿאָהרען וועגען דיענסט-אַנגעלעגענהייטען.—„צו וועלכען שטאַנד געהערען זיי?" דערגרייכט אין ביין אַריין איינער פֿון די אַדוואָקאַטען. — „בויערען". „צוליעב וואָס פֿאַר אַ דיענסט-אַנגעלעגענהייטען קענען בויערען אַרומפֿאָהרען?" דער פֿאָרזיצענדער מאַכט אַ כעס'דיגע צורה און שווייגט. אָט אַזוינע טשיקאַווע סצענקעס קומען פֿאָר, ווען ביים געריכט טרעטען אַרויס די אומגליקליכע קרבנות פֿון די זשאַנדאַרמען, ווילענדיגע אָדער ניט ווילענדיגע פֿעררעטהער. ביים מאָסקווער מיליטער-געריכט — אין יולי 1903 (דער פּראָצעס פֿון אַלשאַנסקי, גאָלדבלאַט, באַטורינאַ און סאָקאָלאָוואַ) איז געזעסען צווישען די אָנגעקלאָגטע דער פֿעלדפֿעבעל אַנאָסאָוו, וועלכער האָט זיך גע'משפּט דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט גע'מסרט. וועלענדיג בעווייזען, וואָס פֿאַר אַ כשר'ער מענש ער איז, האָט ער גאַנץ אָפֿען דערצעהלט, וואָס פֿאַר אַ טובות ער האָט געטהאָן די זשאַנדאַרמען, בעת ער איז געזעסען אין טורמע. מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין דער מאָסקווער גוב. טורמע („טאַגאַנקע") און געהאַלטען פֿערשפּאַרט אין אַ בעזונדער חדר. אָווענד-צייט, נאָך דער פּאָוויערקע, האָט ער דערהערט, ווי מען רעדט אויף'ן קול דאָס זיינען געוועזען פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, דאָס רוב סטודענטען, וועלכע האָבען גע'שמועסט צווישען זיך, אויף מאָרגען איז געוועזען ביי איהם אַ זשאַנדאַרמסקער אָפֿיציר, וועמען ער האָט דערצעהלט וועגען די נעכטיגע געשפּרעכען. דער זשאַנדאַרם האָט איהם געהייסען, וואָס מעהר זיך אַריינמישען אין דיזע געשפּרעכען און מוסר'ן איהם אַלץ, וואָס ער וועט הערען. אַנאָסאָוו האָט געפֿאָלגט, וואָס מען האָט איהם געהייסען. ער האָט געשריען העכער פֿון אַלעמען; די אַדמיניסטראַציע פֿון טורמע האָט איהם עטליכע מאָל מתרה געווען, און אַזוי ווי דאָס האָט ניט געהאָלפֿען, האָט מען איהם איבערגעפֿיהרט אין אַ'ן אַנדער קאָרידאָר. דאָרטען האָט ער ווײ-

---

* אייניגע פֿון דיזע עדות האָט מען געזעהען אַרומשנאָרענדיג אַרום דעם עולם, וועלכער האָט זיך געקליבען אַרום דעם געריכטס-הויז.

טער געטהאָן דאָס אייגענע, ביז די אַדמיניסטראַציע פֿון טורמע האָט זיך
איף איהם געקלאָגט אין זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניע, נאָר פֿון דאָר-
מען האָט מען אבגעענטפֿערט, אַז מען זאָל אַ נ אָ ס־אָ ו ן ׳ן ניט שטעפּען.
ער האָט אויך פֿאַרגעליגט זיינע חברים צו העלפֿען הורבצושרייבען זיך,
אין די צעטלעך, וואָס פֿלעגען אַריינפֿאַלען צו איהם אין האַנד, פֿלעגט
ער איבערגעבען די זשאַנדאַרמען. „אָט, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבען
געמאַכט פֿון דעם תּמ׳עוואַטען, פשוט׳ען סאָלדאַט!" האָבען די אַדוואָ-
קאַטען אויסגעשריען מיט כּעס. אפילו אויף די ריכטער און אויף׳ן פּראָ-
קוראָר האָט דיזע ערצעהלונג געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז די זשאַנדאַר-
מען זיינען אַ פּנים ניט גאָר קיין שיינע מענשען. אויך ביים ניזשעגאָראָדער
פּראָצעס, שרייבט „איסקראַ", האָט דער פֿאָרזיצענדער אַליין (אַ זיבעציג-
יאָהריגער בעאַמטער) דערפֿיהלט, וואָס פֿאַר אַ׳ן אונענדליכער חילוק
עס איז צווישען דער הויכער ווירדע פֿון די אָנגעקלאָגטע און דער ני-
דערטרעכטיגקייט פֿון די עדות. צ. ב., ווען דער אָנגעקלאָגטער ב י ק אָ וו
(אַרויס ריין) האָט דערצעהלט אַ לאַנגע געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט
איהם געוואָלט אונטערקויפֿען, כדי ער זאָל מסר׳ן אויף זיינע חברים,
ווי מען האָט איהם געסטראַשעט מיט אַרעסט און ווי מען האָט דאָס
נאָכדעם טאַקי מקיים געווען, און ווי אונמענשליך מען איז זיך מיט
איהם בעגאַנגען אין טורמע, ווי מען האָט איהם נאָכדעם ווידער גע-
וואָלט אונטערקויפֿען — האָט דער פֿאָרזיצענדער אַ פֿרעג געטהאָן:
„איהר זאָגט, אַז מען האָט אייך נאָכדעם ווידער געוואָלט געבען 200
רובל מיט אַ מאָל?" — „יע". — „נאָר איהר האָט זיך דאָך, ג ע וו י ס
אבגעזאָגט פֿון זיי"; דער וואָרט „געוויס" איז אַזוי געזאָגט געוואָרען,
אַז דער ענטפֿער האָט זיך ווי פֿון זיך אַליין אַרויסגעריסען: „געוויס,
איך לעב פֿון כּשר׳ער פּראַצע". („איסקראַ" No 32).

צווישען דער שיינער ריינער חברה פֿון די „שטענדיגע עדות" פֿעה-
לען געוועהנליך ניט גאָראָדאָוויע, אוריאַדניקעס, זשאַנדאַרמען און אי-
בערהויפּט כל המינים שפּיאָנען אין מונדירען. ווי כאַפּען נעבעך גאַנץ
אָפֿט אַ ביטערען אָבשניט און דער עולם דערזעהט, וואָס אַ ווערדע
עס האָבען זייערע עדות. אין ג י ז ש נ ע האָט דער פֿאָרזיצענדער אַ
פֿרעג געטהאָן איינעם אַ׳ן אונטער־אָפֿיציר: „צו האָט דער עדות ניט,
נאָך וואָס עס איז צו זאָגען?". „ניין — האָט אויסגעשאָסען, ווי אַ׳ן
גענטער אייסגעמושטרעוועטער סאָלדאַט, דער עדות, ביי וועלכען ע ז
האָט אַ פּנים ניט געכאַפּט קיין שכל — מעהר האָט מען ניט געהייסען
זאָגען". נאָך איהם איז אַרויסגעטראָטען אַ פּאָמאָשטשניק פּריסטאַוו.
אידער צו ענטפֿערען אויף די געשטעלטע פֿראַגע, האָט ער אַרויס-
גענומען פֿון קעשענע אַ צעטעל, האָט איהם פֿאַנאַנדערגעוויקעלט און

נאָך איהם געגומען לייענען זיין ענטפֿער; דערביי האָבען אַלע דערפֿיהלט,
אַז זיינע בעוויזונגען זיינען זעהר עהנליך צום אינהאַלט פֿון דעם בע-
שולדיגונגס-אַקט. „פֿאַר וואָס לעזט איהר פֿון צעטעל?" האָט מען
איהם געפֿרעגט. „אויף אויסווייניג קען איך ניט" — האָט ער געענט-
פֿערט. אַז מען האָט געכאַפּט דעם עדות ביי ליגענס, האָט ער זיך
אָבגעזאָגט ווייטער צו ריידען אונטער דעם אויסרייד, אַז דאָס איז אַ
געהיימניס, וועלכע זיין דיענסט-פֿפליכט פֿערוועהרט איהם אַרויסצוזאָגען.
ביים משפּט פֿון די ראָסטאָווער דעמאָנסטראַנטען, מורא האָבענדיג, אַז
די עדות זאָלען ניט האָבען אַ טעות ביים „דערקענען" די אָנגעקלאָגטע,
איז מען געפֿאַלען ניט אויף אַ שלעכטע המצאה: די אָנגעקלאָגטע
האָט מען צוזעצט אויף בעזונדערע ערטער, און נעבען יעדערען האָט
מען אויפֿגעהאַנגען אַ צעטעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויפֿגע-
שריבען מיט גרויסע אותיות די פֿאַמיליע פֿון דעם אָנגעקלאָגטען. די
אַדוואָקאַטען האָבען בעמערקט, אַז די עדות פֿון די גאָראָדאָוויע,
אַריינגעהענדיג אין זאַל, פֿלעגען פֿריהער איבערלעזען די פֿאַמיליעס און
נאָכדעם האָבען זיי שוין געקענט פֿאַלש עדות זאָגען, ווי פֿיעל די
האַרץ געלוסט, ניט האָבענדיג קיין טעות. דער פּריסיאַזשני פּאָװערעני
מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם און נאָך איינער האָבען תיכף פּראָטעסטירט געגען
דעם און האָבען געפֿאָדערט, מען זאָל אַראָבנעהמען די צעטלעך און
איבערבייטען די ערטער פֿון אַלע אָנגעקלאָגטע. דער פֿאָרזיצענדער
האָט מיט אַ קנאַפּען חשק מסכים געווען אויף די ערשטע פֿאָדערונג,
איבערבייטען די ערטער האָט ער ערלויבט נאָר צווייען, און וועגען די
אַנדערע האָט ער מיט כעס אַ זאָג געטהאָן: איך האַלט דאָס ניט פֿאַר
נייטיג.

אַ ר כ אַ נ ג ע ל ס ק אַ י אַ, וועלכע איז פֿער'משפּט געוואָרען אין
סאַראַטאָווער פּראָצעס, שילדערט מיט העלע פֿאַרבען אין אַ פּריוואַטען
בריעף (געווען אָבגעדרוקט אין „No 32 „איסקראַ") וואָס פֿאַר אַ'ן איינ-
דרוק עס האָבען געמאַכט די עדות, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געווען
פֿון פּראָקוראָרס צד: „בכלל די גאַנצע צייט האָט זיך געלאָזט הערען
אַ'ן אָפֿענער און אַ שאַרפֿער פּראָטעסט; עס זיינען געשטאַנען צוויי
מהנות איינע געגען דער אַנדערער. דער פּראָקוראָר האָט אפילו די עדות
צוטיילט אויף „אונזערע" און „אייערע" — פֿון איין צד זיינען אַרויסגע-
טראָטען פּאָליציייסקע, אַגענטען פֿון דער געהיימער פּאָליציי און זשאַנ-
דאַרמען, און פֿון דעם אַנדער צד — אַ'ן אינטעליגענטער עולם—פֿעלד-
שעריצעס, סטאַטיסטיקער, פּאָרנאַדזאָרנע; אַנדערע עדות האָט מען פֿרי-
הער אַרעסטירט און מען האָט זיי געבראַכט צום געריכט מיט שומרים.
איהר ווייסט, ס'איז עפּעס געווען אַזוי גרינג אויף'ן האַרצען צו פֿיהרען,

אַז אויף אונזער צד איז דער אמת, דער ליכט, און דאָרטען, און דאָר-טען, אויף יענעם צד... דיזער צד שטעלט זיך מיר איצט פֿאָר אין דער געשטאַלט פֿון דעם פּאַראומערטען סיפֿיליטיק, דעם אַגענט פֿון דער געהיים-פּאָליציי קופּריאַנאָוו מיט אַ'ן עקעלהאַפֿטער צורה, מיט אַ הייזעריגען, פּייפֿעדיגען קול, און פֿון דעם פֿערביסענעם זשאַנדאַרם גריניושין... אין מיר האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז די ריכטער גופא, (נאַטירליך די, ביי וועלכע עס איז נאָך ניט אין גאַנצען אויסגע-לאָשען געוואָרען יעדער מענשליכער געפֿיהל אונטער די פֿאָראורטיילען פֿון זייער שטאַנד און אונטער דעם פּחד פֿאַר דער „נאַטשאַלסטוואָ"), האָבען געפֿיהלט, אַז פֿער'משפּט'ענדיג' אונז, בעשיצען זיי יענע פֿינס-טערניש, פֿון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקראָכען קופּריאַנאָוו און גריניושין".

V. ביילאַגע.

דער פּראָצעס פֿון די קאָוונער דעמאָנסטראַנטען.

(דערצעהלט פֿון אַ'ן אַנטיילנעהמער).

מען האָט אונז בעשולדיגט, אַז מיר האָבען זיך געוועהרט געגען דער פּאָליציי און אַז מיר האָבען געפּרואווט אַ'ין טעאַטער אַראָבצו-וואַרפֿען פֿון אויבען, פֿון גאַלעריע, אין פֿאַרטער דעם פּאָמאָשטשניק-פּאָ-ליציימייסטער אפֿראָסימאָוו, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט צו בערוהיגען די דעמאָנסטראַנטען. ביים פֿערהער, וועלכען דער סלעדאָוואַטעל האָט געפֿיהרט, איז דער פּראָקוראָר ניט געוועזען. מיר האָבען ניט געגעבען קיינע בעווייזונגען, נאָר צוויי פֿון אונז האָ-בען אָנגעוויזען די זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען אונז אַרעסטירט. אין צוויי וואָכען אַרום האָט מען אונז מודיע געוועזען, אַז די „ריעלע" איז אָבגעשיקט געוואָרען אין סודעבנע פּאַלאַטע, וועלכע וועט אונז משפּט'ן מיט שטאַנדס-פֿאָרשטעהער (סאָסלאָוונע פּרעדסטאַוויטעלעס). אין צוויי חדשים אַרום האָט מען אונז איבערגעגעבען דעם בע-שולדיגונגס-אַקט, און מיר האָבען זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו אונזערע בעקאַנטע, אַז זיי זאָלען קריגען פֿאַר אונז אַד-וואָקאַטען. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צו אונז געקומען אַ'ן אַדוואָ-קאַט, האָט זיך מיט אונז דורכגערעדט, אַנגעצייכענט מיט אינזער הילף

דעם פּלאַן פֿון טעאַטער, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, וואו האָבען מיר זיך געפֿונען און וואו די פּאָליציי בעת דער דעמאָנסטראַציע, ווער עס האָט אונז אַרעסטירט, ווי האָט מען אונז אָבגעפֿיהרט א. ז. וו. אויך האָט ער פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, צו האָט מען בעת מעשה געשלאָגען וועמען עס איז פֿון אונז, צו האָבען מיר זיך דעמאָלט געקלאָגט דערויף און וועמען האָבען מיר זיך געקלאָגט. אין גיכען האָט מען אונז געגעבען צו ווי־סען, אַז עס זיינען דאָ עדות פֿון אונזער צד, און אַז עס וועלען זיין אַדוואָקאַטען פֿון מאָסקווע, פּעטערבורג און סמאָלענסק. מיר האָבען אָנגעגעבען אין פּאַלאַטע, אַז מען זאָל אַרויסרופֿען אונזערע עדות; מיר האָבען תיכף בעקומען אַ תשובה, אַז אונזער בקשה איז אָנגענומען געוואָרען און אַז מען וועט אַרויסרופֿען די עדות. אויך דער זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק, וועלכען מיר האָבען געבעטען אָנצורופֿען די נעמען פֿון די זשאַנדאַרמען, וואָס האָבען אונז אַרעסטירט, האָט אונז אויך ניט אין גאַנצען אָבגעזאָגט: מען האָט אונז געענטפֿערט, אַז די פֿאַמיליעס וועט מען אונז ניט זאָגען, נאָר אויב מיר וועלען דערקענען וועמען עס איז פֿון די זשאַנדאַרמען, מיט וועלכע מען וועט אונז שטעלען פּנים על פּנים, וועט מען זיי אונז אָנרופֿען. מען האָט אונז אַרויסגערופֿען אין זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניע, וואו מען האָט אויפֿגעקריבען אַלע זשאַנדאַרמען; מיר האָבען דערקענט די, וואָס האָבען אונז אַרעסטירט, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אונז אָפֿיציעל מודיע געווען זייערע נעמען.

אַז דער אַדוואָקאַט איז געקומען צו אונז דעם צווייטען מאָל, האָט ער אונז געזאָגט, אַז ער איז געווען אין פּאַלאַטע און האָט געפֿאָדערט, מען זאָל אַרויסרופֿען און אויסהערען אַלס עדות אַלע זשאַנדאַרמען, וועלכע זיינען געווען אין טעאַטער בעת דער דעמאָנסטראַציע. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבען מיר בעקומען פֿון פּאַלאַטע אַ הודעה, אַז דיזע אַלע זשאַנדאַרמען וועלען אַרויסגערופֿען ווערען אין געריכט און אויך וועט מען אַרויסרופֿען אַלע אונזערע עדות, וועלכע זיצען איצט אין טורמע.

דעם 23־טען סעפּטעמבער 1903 האָט מען אונז אַוועקגעפֿיהרט צום געריכט. 10 אַ זייגער אין דער פֿריה האָט מען אונז אַרויפֿגערופֿען אויבען, וואו מען האָט געגעבען די עדות אַ שבועה; נאָכדעם האָט מען אונז אַוועקגעפֿיהרט אונטען. 11 אַ זייגער האָט מען אונז ווידער געבראַכט אויבען, וואו אַלע ריכטער זיינען שוין געזעסען.

דער פֿאָרזיצענדער האָט זיך געווענדט צו אונז מיט אַ פֿראַגע: „צי זייט איהר זיך מודה, אַז דעם 21־טען מערץ פֿון דיזען יאָהר, בעת דער דעמאָנסטראַציע אין שטאָט־טעאַטער, האָט איהר אָנגעווענדט געוואַלד

געגען דער פּאָליציי, אין דער צייט, ווען זי האָט ערפֿיעלט איהר דיענסטפּליכט אין דערביי האָט איהר געפּרואווט אַראָבוואַרפֿען פֿון גאַלעריע אונטען דעם פּאָמאָשטשניק-פּאָליציימייסטער, בעת ער האָט געזועהען צו בערוהיגען דעם עולם און דערביי האָט איהם ערענבורג געגעבען עטליכע מאָל איבער'ן קאָפּ און האָט איהם געשלעפּט מיט דער הילף פֿון פּאָדזעלווער און פֿורמאַן צום באַריער, כדי אַראָבצואוואַרפֿען איהם אונטען, אין פּאַרטער?” מיר האָבען געענטפֿערט—ניין.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פֿערהער פֿון די עדות. דעם ערשטען האָט מען אַרויסגערופֿען אַ פּראָסימאָוו'ן, דעם פּאָמאָשטשניק-פּאָליציימייסטער. אַזוי ווי ער איז געוועזען דער אָנקלאָגער און דער פֿאָרשטעהער פֿון דער פּאָליציי, האָט ער דערצעהלט אַלין, ווי עס איז צוגעגאַנגען, ווי מיר האָבען איהם געכאַפּט און אויפֿגעהויבען, ווי עס זיינען צו איהם צוגעלאָפֿען דער גאָראָדאָוואָי קאָוואַלעווסקי און דער זשאַנדאַרם באַביטשעוו און האָבען איהם אַרויסגעריסען פֿון אונזערע הענד. מען האָט איהם געפֿרעגט, צו ער האָט בעקומען קלעפּ, און צו האָט ער בעמערקט, ווער עס האָט איהם געשלאָגען. ער האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט בעקומען פֿון אימיצען אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אַז די היטעל איז ביי איהם אַראָבגעפֿליגען, און נאָכדעם האָט איהם אימיצער געגעבען אַ קלאַפּ מיט אַ קינזשאַל איבער'ן האַנד, אַז ער האָט דערפֿיהלט אַ מורא'דיגען ווייטאָג. ער האָט געוויזען די האַנד, אויף וועלכער עס איז נאָך עד היום געבליבען אַ סמן און וואו ער פֿיהלט נאָך, ווי ער האָט ערקלעהרט, עד היום אַ ווייטאָג. ער האָט געטענה'ט, אַז מיר האָבען זיך געוועהרט מיט געוועהר אין האַנד, און אַז ער האָט געוואָלט ביי איינעם פֿון אונז אָבנעהמען די געוועהר, האָט מען איהם געשלאָגען.

מען האָט איהם אַ פֿרעג געטהאָן, צו געדיינקט ער ניט, ביי וועלכען זייט גאַלעריע, אין וועלכען אָרט איז דאָס אַלץ פֿאָרגעקומען. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געוועזען ביי'ם דורכגאַנג פֿון דער רעכטער זייט, ניט ווייט פֿון טיר. דער אַדוואָקאַט מאַנדעלשטאַם האָט איהם באַלד פֿערוואָרפֿען מיט פֿראַגען: ווי גרויס איז דאָרטען געוועזען דער שטח? ווי פֿיעל מענשען האָט דער שטח געקענט פֿערנעהמען? צו איז געשטאַנען אַ'ן עולם, בשעת מען האָט איהם געשלעפּט? וואו און ווי האָט מען איהם אויפֿגעהויבען? ווי הויך? ביי וואָס האָט מען איהם געהאַלטען? ווער האָט איהם געהאַלטען? צו קען ער זיי אין צורה אָדער ביי די נעמען?

דערויף האָט דער עדות אַזוי געענטפֿערט: „דער שטח איז געוועזען אַ'ן אַרשין 3 אין דער ברייט און אַ קלאַפֿטער 2 אין דער לֿיינג, בשעת

מען האָט מיך געשלעפּט, האָט מען מיך געשטויסען פון ביידע זייטען,
ווייל דאָרטען איז געווען אַ סך עולם, וועלכע האָבען געשלעפּט, גע-
שטויסען און געשלאָגען איבער'ן קאָפּ, איבער די פּלייצעס און איבער'ן
גאַנצען קערפּער. אויפגעהויבען האָט מען מיך אויף אַ פיערטעל אַרשין
אין דער לופטען און דערצו נאָך שטעהענדיגערהייט, און דעריבער האָב
איך נאָך געקענט זעהען ווי פּורמאַן און פאָדזעלווער האָבען
מיך געשלעפּט פאַר די הענד און ערענבורג פאַר'ן קערפּער, און
דערביי האָבען זיי מיך געשלאָגען. מעהר פּנים'ער האָב איך ניט גע-
קענט בעמערקען".

נאָך זיינע בעווייזונגען האָט זיך דער אַדוואָקאַט מאַנדעלשטאַם
געווענדעט צום פּאָרזיצענדען: דער עדות אַפּראָסימאָוו האָט גע-
זאָגט, אַז דער שטח האָט פאַרנומען אַ'ן אַרשין 3 אין דער ברייט, און
דערביי האָט ער אויך דערצעהלט, אַז דער עולם איז געווען גרויס, און אַז
מען האָט איהם געשטויסען פון ביידע זייטען. איך ליינ אייך פאָר אי-
בערצוצייגען זיך, ווי ווייט דער עדות האָט ריכטיג געזאָגט (ער האָט
דערלאַנגט דעם פּאָרזיצענדען דעם פּלאַן פון טעאַטער-גאַלעריע). לויט
דעם פּלאַן איז די ברייט פון דעם דורכגאַנג $1^1/_4$ אַרשין. ווי-זשע האָט
דאָרטען געקענט זיין אַזוי פיעל עולם? ווען דאָרטען איז געווען אַ סך
עולם און מען האָט איהם געשטויסען פון אַלע זייטען, טאָ ווי אַזוי קומט
ער צום באַריער? ווי אַזוי האָט ער געקענט וויסען, אַז מען וויל איהם
אַראָבוואַרפען אונטען? (דאָ האָבען די ריכטער גענומען קוקען איינע
אויף די אַנדערע, דער פּראָקוראָר האָט גענומען דעם פּלאַן און האָט
דערלאַנגט דעם טאָוואַרישטש-פּראָקוראָר; יענער האָט איבערגעקוקט
דעם פּלאַן און האָט איהם איבערגעגעבען ווייטער).

מאַנדעלשטאַם רעדט ווייטער: „דער עדות זאָגט, אַז ער האָט
געקראָגען מיט אַ קינזשאַל איבער'ן האַנד און האָט אפילו בעוויזען אַ
סמן אויף'ן האַנד. פרעגט זיך אַ קשיא, וואָס האָט ער וועגען דעם
געשוויגען פריהער, ביי דער פאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג? ער האָט
דאָך געזאָגט מיט אַ פולען מויל: „איצט זיינען פון די קלעפּ ניט גע-
בליבען קיינע סמנים, איך פיהל מיך גאַנץ געזונד, געוועהר און שטע-
קענס האָט מען ביי די אַרעסטירטע ניט געפונען". (דער סעקרעטאַר
האָט דערביי גענומען די קאָפּיע פון דעם אונטערזוכונגס אַקט און האָט
דורכגעלעזען הויך אַפּראָסימאָוו'ס בעווייזונגען: עס איז געווען
פונקט אַזוי, ווי מאַנדעלשטאַם האָט געזאָגט). דורך וואָס פאַר
אַ נס איז איצט געוואָרען אַ וואונד אויף'ן האַנד און געוועהר? איך
רייקען אָב זיינע איצטיגע בעווייזונגען און פאָדער, אַז זיינע צוגעלייגטע
ווערטער זאָלען פערשריבען ווערען אין פּראָטאָקאָל".

דער טאָוואַרישטש-פּראָקוראָר האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין פּלאַץ און ערקלעהרט:

„איך וועל זיי ניט בעשולדיגען, אַז זיי האָבען געהאַט בדעה צו הרג'ענען איהם".

נאָכדעם האָבען אַנדערע אַדוואָקאַטען פֿאָרגעלייגט אַ פּראָסימאָוו'ן פֿראַגען. מען האָט ביי איהם געפֿרעגט, צו געדיינקט ער ניט, צו איז געווען די טיר פֿערשפּאַרט צו ניט? ווי אַזוי און פֿאַר וואָס האָט מען זיך אויף איהם אַ וואָרף געטהאָן? ער האָט אַזוי געענטפֿערט: „אַז איך בין אַרויף אויף'ן גאַלעריע, האָב איך געהייסען דעם זשאַנדאַרם באַבימשעוו פֿערשליסען די טיר און שטעהען דאָרטען, ביז מען וועט איהם ניט הייסען עפֿענען. נאָכדעם האָב איך בעמערקט, ווי ציגעלניק האָט געוואָרפֿען פּראָקלאַמאַציעס, אויסגעשריען אויסרופֿען געגען דער רעגירונג און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן גאָראָדאָוואָי, וואָס איז געשטאַנען דערביי. איך בין אונטערגעלאָפֿען און געכאַפּט איהם, און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען: עי, אונזערע, אַהער! שלאָגט די פּאָליציי! וואַרפֿט איהם אַראָב אונטען! און תיכף האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף מיר".

דער אַדוואָקאַט פּינקעלשטיין בעמערקט, אַז דער עדות זאָגט איצט אַנדערש, איידער ער האָט געזאָגט ביי דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג. דאָרטען האָט ער גע'טענה'ט, אַז ער איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און ציגעלניק'ן האָט געבראַכט דער גאָראָדאָוואָי, איצט זאָגט ער, אַז ער האָט אַליין אַרעסטירט ציגעלניק'ן. ווייטער. דעמאָלט האָט ער געזאָגט, אַז ציגעלניק האָט זיך אַליין אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם מיט קולות: „שלאָג איהם! וואַרף איהם אַראָב אונטען!" איצט זאָגט ער, אַז ציגעלניק האָט ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען צו שרייען, ווען מען האָט איהם אַרעסטירט". אַלע האָבען אָנגעהויבען צו קוקען איינע אויף די אַנדערע, און דער פֿאָרזיצענדער האָט זיך געווענדעט צו אַ פּראָסימאָוו'ן:

„אַ פּנים, הייסט עס, איהר געדיינקט טאַקי ניט, וואָס איהר רעדט? האַ?" יענער איז רויט געוואָרען און ווענדעט זיך צום פֿאָרזיצענדען: „חטאתי, אייער עקסעלענץ, איך געדיינק גאָר ניט". מען האָט איהם געהייסען געהען און מען האָט געמאַכט אַ פּאַוזע.

נאָך דער פּאַוזע רופֿט מען אויס דעם צווייטען עדות, דעם גאָראָדאָוואָי קאָוואַלעווסקי. פֿון אָנפֿאַנג בעווייזט ער אויך אַזוי, ווי אַ פּראָסימאָוו. ער איז געשטאַנען נעבען סצענע, און ווי ער האָט דערזעהען, אַז דער פּאָמאָשטשניק-פּאָליציימייסטער איז אין אַ סכנה, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם דורך'ן עולם. מען פֿרעגט ביי איהם,

„ווי האָט מען אויפגעהויבען אַ פּ ר אָ ס י מ אֶ ו ו׳ן?״ ער ענטפערט, אַז אויף די הענד, איינגע האָבען איהם געהאַלטען פאַר די פּיס, אַנדערע פאַר די הענד און פאַר׳ן קאָפּ.

— ווי הויך האָט מען איהם אויפגעהויבען?

— איבער׳ן קאָפּ.

— ווי האָט מען איהם אויפגעהויבען: שטעהענדיגערהייט, צו ליגענדיגערהייט?

— ליגענדיגערהייט.

מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם ווענדט זיך צום פּאָרזיצענדען: „איך מאַך אויפמערקזאַם אויף די רייד פון דעם עדות. איך פערלאַנג, מען זאָל בעטען דעם עדות איבער׳הזר׳ן נאָך אַ מאָל זיינען בעווייזונגען און פערשרייבען אין פּראָטאָקאָל״.

דער פּאָרזיצענדער פרעגט איבער נאָך אַ מאָל דעם עדות. יענער חזר׳ט איבער: „איך האָב דאָך שוין געזאָגט צוויי מאָל, אַז מען האָט איהם אַזוי אויפגעהויבען; איך האָב נאָך צו זאָגען, אַז פּ ו ר מ אַ ן האָט איהם געשלאָגען.

מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם שטעלט נייע פראַגען:

„זאָגט מיר, עדות, אפשר געדיינקט איהר, ווער איז אונטערגעלאָפען צו העלפען אַ פּ ר אָ ס י מ אֶ ו ו׳ן?

— ב אַ ב י ט ש ע ו.

— אין וואָס פאַר אַ לאַגע איז געוועזען אַ פּ ר אָ ס י מ אֶ ו ו, בשעת איהר זייט אונטערגעלאָפען צו איהם?

— ער איז שוין דעמאָלט געלעגען אויף׳ן פאַרענץ און דער רוקען איז שוין געוועזען אַריבערגעבויגען אויף דער אַנדער זייט; ווען איך וואָלט איהם ניט כאַפּען פאַר די פּיס, וואָלט מען איהם אַרונטערגעוואָרפען.

— פיין, ווער האָט איהם געשלאָגען?

— ע ר ע נ ב ו ר ג, א י צ י ק אָ ו ו י ט ש, ל ע ו ו י ן, ה ע ל פּ אַ נ ד, פּ ו ר מ אַ ן; איינער פון זיי האָט איהם דערלאַנגט מיט אַ קינזשאַל. (די ריכטער קוקען איינע אויף די אַנדערע, און דער סעקרעטאַר לעזט פון פּראָטאָקאָל: „בשעת מען האָט זיי אַרומגעזוכט, האָט מען ביי זיי ניט געפונען, ניט קיין געוועהר, ניט קיין שטעקלעך״).

מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם רעדט ווייטער:

— זאָגט מיר, ביי דער פּאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג האָט איהר בעוויזען, אַז א י צ י ק אָ ו ו י ט ש׳ן האָט איהר פערהאַלטען, — צו קענט איהר מיר ניט זאָגען, ווי אַזוי איהר האָט איהם אַרעסטירט?

— אַז איך בין געקומען אין טעאַטער, האָב איך מיך געשטעלט נעבען דער סצענע, כדי צו קענען בעסער אַכטונג געבען אויף אַלעמען

אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען די קולות, האָב איך זיך אַרומגעקוקט און דערזעהען, ווי איציקאָוויטש האָט אַ וואָרף געטהאָן אַ פּעקעל פּראָקלאַמאַציעס און האָט אָנגעהויבען אויסצושרייען אויסרופען געגען דער רעגירונג. איך האָב מיך אַ וואָרף געטהאָן אויפֿצוהויבען די צעטלעך און גלייך האָב איך איהם אַרעסטירט.

— כזב ושקר! האָט אַ געשריי געטהאָן איציקאָוויטש; מיך האָבען פֿערהאַלטען זשאַנדאַרמען, און איך האָב זיי דערקענט אין זשאַנדאַרמסקער אופּראַוולעניע, בעת מען האָט מיך געבראַכט אַהין, דערביי איז אויך געווען דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק.

— עדות, פֿרעגט דער אַדוואָקאַט פּינקעלשטיין, ווען האָט זיך אָנגעהויבען דער געשלעג?

— ביי די ערשטע קולות.

— פֿיין. עדות, ביי דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג האָט איהר בעוויזען, אַז איציקאָוויטש האָט געשלאָגען סיפּורין'ען — איהר האָט דאָס אַליין געזעהען, צו מען האָט דאָס אייך געזאָגט?

— איך האָב געזעהען, אַז בשעת איציקאָוויטש האָט אָנגעהויבען צו שרייען, האָט סיפּורין געוואָלט איהם אַרעסטירען, און דעמאָלט האָט איציקאָוויטש דערלאַנגט איהם מיט'ן קולאַק.

— ווי אַזוי איהר האָט דאָס געקענט זעהען? איהר האָט דאָך פֿריהער געזאָגט, אַז בעת איציקאָוויטש האָט אָנגעהויבען צו שרייען און וואַרפֿען צעטעלעך, האָט איהר זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפֿהויבען זיי, און נאָכדעם האָט איהר געזאָגט, אַז איהר האָט איהם תיכף אַרעסטירט,—ווי אַזוי-זשע האָט ער געקענט געבען אַ קלאַפּ סיפּורין'ען?

— חטאתי, העררר אַדוואָקאַט, איך געדיינק ניט. אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזעהען סיפּורין'ען אַ צו'הרג'עטען, רעכען איך, אַז איציקאָוויטש האָט איהם געשלאָגען.

— פֿיין.

— עדות, ווענדט זיך צו איהם דער אַדוואָקאַט יאָהאַנסען, ווי אַזוי האָט איהר געקענט אונטערלויפֿען צו העלפֿען אַ פּראָסימאָוו'ן, אַז איהר זייט דאָך געווען פֿערנומען מיט איציקאָוויטש'ן? פֿריהער האָט איהר גע'טענה'ט, אַז דער געשלעג האָט זיך אָנגעהויבען ביי די ערשטע קולות. ווי אַזוי האָט איהר זיך געקענט איינקירעווען מיט צוויי זאַכען און אין פֿערשיעדענע ערטער? ווייטער ווייזט איהר אָן אויף מענשען, וועלכע האָבען גענומען אַ'ן אַנטייל אין דעם געשלעג, ווי אַזוי האָט איהר געקענט זיי בעמערקען, ווי באַלד דאָרטען איז געווען אַזאַ עולם?

— חטאתי, איך געדיינק ניט גוט.

— עדות, ווענדט זיך צו איהם זאַרודני, איהר געדיינקט ניט, ביי זיי איז געווען געוועהר? אָדער איהר האָט געהאַט ביי זיך אַ'ן אייזערנעם שטעקען? (מיר האָבען דערצעהלט די אַדוואָקאַטען, אַז ביי איהם 'איז געווען אַ'ן אייזערנער שטעקעל).

— ניין, איך האָב ביי זיך גאָר ניט געהאַט. נאָר אַז מיר האָבען געמומען גוט אַרומזוכען, האָבען מיר געפֿונען קוילען, קינזשאַלען און פֿערשיעדענע שטעקלעך. (אַלע האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען; דער פּאָרזיצענדער האָט געגעבען אַ מאַך מיט די הענד און געהייסען אַרויס-פֿיהרען איהם. דער עדות געהט אַוועק מיט אַ'ן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ).

אַ פּאַוזע. נאָך דער פּאַוזע קומט אַריין באַביטשעוו, באַבי-טשעוו בעוויזט, ווי די פֿריהערדיגע עדות.

„עדות, גיט ביי איהם אַ פֿרעג מאַנדעלשטאַם, איהר בעוויזט, אַז בעת איהר האָט בעמערקט דעם אָנפֿאַל אויף אַפֿראָסימאָוו'ן, זייט איהר צוגעלאָפֿען צו איהם און אין איינעם מיט קאָוואַלעווסקי האָט איהר אַרויסגעריסען אַפֿראָסימאָוו'ן פֿון ערענבורג'ס, פּאָדזעלווער'ס, פֿורמאַן'ס און העלפֿאַנד'ס הענד; ווייטער זאָגט איהר, אַז בשעת זיי האָבען איהם געשטויסען, האָבען זיי געשריען: „שלאָג די פּאָליציי; וואַרף איהם אַראָב אונטען!" ווי אַזוי האָט איהר דאָס געזעהען? מען האָט דאָך אייך געשטעלט הינטער דער טיר אין דרויסען?

— בשעת איך בין געקומען אין טעאַטער, האָט מען מיר געהיי-סען שטעהען פֿון דרויסען ביים טיר, אַז אַז איך האָב דערזעהען, וואָס עס טהוט זיך אינעווייניג, בין איך תיכף אַריינגעלאָפֿען אַהין.

— ביי דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג האָט איהר בעוויזען, אַז בעת'ן געשלעג איז די טיר געווען פֿערשלאָסען; דאָס האָבען אגב היינט בעשטעטיגט אַפֿראָסימאָוו און קאָוואַלעווסקי, דאָס איי-גענע זעהט מען פֿון די בעווייזונגען, וועלכע עס האָבען געגעבען ביי דער פֿאָרגעריכטליכער אונטערזוכונג דער זשאַנדאַרמסקער ראָטמיסטער וואַסיליעוו און אַפֿראָסימאָוו. ווי זשע קומט איהר אינע-ווייניג? דורך וואָס פֿאַר אַ נס?

איך... איך... חטאתי, איך געדיינק ניט.

— עדות, פֿרעגט פֿינקעלשטיין, צו קענט איהר ניט זאָגען, ווי אַזוי האָט מען אויפֿגעהויבען אַפֿראָסימאָוו'ן?

— מען האָט איהם געהאַלטען אַזוי, איינגעבויגענערהייט, און איינער איז געלעגען אויף'ן פּאָדלאָגע און געהאַלטען איהם פֿאַר די פֿיס.

דער אַדוואָקאַט נעהמט אַ בליי-פֿעדער, שטעלט איהם אַוועק קרומלעך און פֿרעגט: „אָט אַזוי?"

— יע!

— פֿיין, זאָגט זשע מיר, ווי אַזוי האָט איהר געזעהען, אַז איינער איז געלעגען אויף'ן פּאָדלאָגע, דאָרטען איז דאָך געווען אַ גרויסער עולם, און דערצו זייט איהר נאָך געשטאַנען הינטער'ן טיר?

— ניין, ניין, איך געדיינק ניט.

— עדות, גיט איהם מיט אַ מאָל אַ פֿרעג יאָהאַנסען, איהר קענט די, אויף וועמען איהר ווייזט אָן, אין צורה, צו נאָר זייערע פֿאַמיליעס ווייסט איהר?

— איך קען זיי אין צורה (מיר האָבען געפּאָדערט, אַז די עדות זאָלען אונז דערקענען אין צורה).

— גוט, ווייזט אָן.

דער עדות ווייזט מיט'ן פֿינגער אָן אויף לעווין'ען, אָנרופֿענדיג איהם ערענבורג, אויף ציגעלניק'ן, אָנרופֿענדיג איהם פּאָדזעלווער, פּאָדזעלווער'ן רופֿט ער אָן פֿורמאַן א. ז. וו. וועגען איינעם זאָגט ער, אַז ער איז דאָ גאָר ניטאָ. דער עולם לאַכט, און דער פֿאָרזיצענדער הייסט אַרויספֿיהרען איהם.

פּאַוזע. (דאָ האַקט זיך אָב די ערצעהלונג).

א. בונדאָוועין.

פּרייז: 10 סענט, 4 פּענס, 50 סאַנטים, 50 העללער, 50 פּפֿעניג.

IMPRIMERIE ISRAELITE.
Rue de Carouge 81, Geneve, Suisse.